STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11981

DI TROSTS UN ZEYER BEDAYTUNG

Hertz Burgin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא טראָסטס
און זייער בעדייטונג

אן ערקלעהרונג איבער דעם וויא
די טראָסטס זיינען ענטשטאנען,
האָבען זיך ענטוויקעלט, און
זייער איינפלוס איף דער
געזעלשאפט . . . . . .

— פון —

ה. בורגין.

ארויסגעגעבען פון
פערלאג: דאס פרייע וואָרט. פילא., פא.
1909

פאָרוואָרט

דיא טראָסטס* שפּיעלען א וויכטיגע ראָלע אין דעם ווירטהשאפט־
ליכען לעבען פון דיא פעראייניגטע שטאאטען. און וואָס א יאָהר ווערט
דיעזע ראָלע אלס בעדייטענדער. עס איז שוין יעצט וועניג ווינקעלעך
געבליעבען, וואו דער טראָסט האָט נאָך ניט אריינגעדרונגען. מיר
האָבען דאָ א סטיעל־טראָסט, א טאבאַק־טראָסט, אן אויל־טראָסט, א
פליישׁ־טראָסט, אייזענבאהן־טראָסטס, אייער־טראָסט, ביינק־טראָסטס,
א קאטטאָן־טראָסט. און נאָך און נאָך. פרעגט — אין וועלכען צווייג
פון דער אינדוסטריע ווייס מען נאָך ניט ביי אונז פון טראָסטס? אפילו
דיא קעבּס, אין וועלכע מען פיהרט דיא מתים אויף זייער אייביגע
רוהע געפינען זיך שוין אויך אין דיא הענד פון א טראָסט.

און וואָס וויי״טער וואקסען אלץ מעהר דיא טראָסטס. זיי וואקסען
אין דער לענג און אין דער טיעף, עס הייסט זיי וואקסען אין צאָהל
און אין גרויס. זיי פארכאַפּען אלץ נייע צווייגען. און דיא עקזיסטי־
רענדע טראָסטס ווערען אלץ גרעסער. פילע בעזונדערע טראָסטס גיסען
זיך צוזאמען אין וועניגע גרויסע, מעכטיגע, אלמעכטיגע טראָסטס. אָט
צ. ב. ש., אין דער סטיעל־אינדוסטריע האָבען עקזיסטירט 9 טראָסטס.
יעדער פון זיי איז געווען א פערבאנד פון מעהרערע קאָמפּאניעס —
סטיעל־קאָמפּאניעס, רייל־ראוד קאָמפּאניעס און ד. גל. מיט דער צייט
אָבער האָבען זיך דיעזע אלע טראָסטס פעראייניגט אין איין אלמעכ־
טיגען טראָסט, וועלכער איז בעקאנט אונטערן נאָמען „יונייטעד סטייטס
סטיעל קאָרפּאריישאָן.“ דיא פיעלע ביינקס און זאָ־גענאנטע טראָסט־
קאָמפּאניעס פון ניו יאָרק, וועלכע האָבען פריהער געפיהרט א בעזונדע־
רע, זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ, געפינען זיך יעצט אין דיא הענד
פון אייניגע ריעזיגע קאפּיטאליסטען, וויא פּיערפּאנט מאָרגאן, ראקקע־
פעללער, א. ד. גל. אמת, דיעזע ביינקס זיינען נאָך פאָרמעל יעצט אויך
זעלבסטשטענדיג; אמת, זיי רופען זיך ניט מיט'ן נאָמען טראָסטס,
אָבער דאָ געהט ניט אים נאָמען. דער אמת איז, אז דיא הונדערטער
ביינקס פון דער וועלט־שטאדט ניו יאָרק זיינען ניט מעהר, וויא אב־

*) דער נאָמען טראָסט בעלאנגט אייגענטליך צו א געוויסען פער־
באנד פון קאָמפּאניעס אָדער איינצעלנע קאפּיטאליסטען. אָבער אין
בריטערען זינען בעצייכענט מען מיט דיעזען נאָמען יעדען פערבאנד
פון קאָמפּאניעס און איינצעלנע קאפּיטאליסטען. אין דיעזען, ברייטערען
זינען ברויכען מיר מייסטענס דעם וואָרט „טראָסט“ אין דיזע בראָשורע.

טהיילונגען פון דעם גרויסען אונאָפיציעלען בּיינק־געשעפט, וואו דיא גאַנצע בּעלי־הבּתים זיינען דיא מאָרגאַנס.

דאַס זעלבּע איז מיט דיא אייזענבּאהנען פון לאַנד. דיא פּער־איינינטע שטאַאַטען פאַרמאָגען אַן ערך פון 230,000 מייל אייזענבּאהן, און פּרוואַוט לעזען דיא נעמען פון דיא אַלע קאָמפּאַניעס, צי וועמען דיעזע אייזענבּאהנען בּעלאַנגען. איהר וועט געפינען פיעלע, פיעלע דאָ־דאָזענס קאָמפּאַניעס; איהר וועט געווים מיעד ווערען לעזענדיג, אזוי פיעל פערשיעדענע אייזענבּאהן ־ קאָמפּאַניעס זיינען דאָ אין לאַנד. אָבּער אין דער אמת'ן בּעלאַנגען אַלע דיעזע קאָמפּאַניעס צו וועניגער, וויא איין דאָזען גרויסע אייזענבּאהן קאָרפּאָריישאָנס: פון דיא 230 טויזענד מייל אייזענבּאהן אין לאַנד בּעלאַנגען 200 טויזענד מייל (גאַנצע 87 פּראָצענט) צו 10 קאָרפּאָריישאָנס. וויא גרויס עס איז דיזע שטרעקע אייזענבּאהן, קען דער לעזער אורטהיילען פון דעם, וואָס אַלע לענדער פון אייראָפּא צוזאַמענגענומען פאַרמאָגען בּלויז 175 טויזענד מייל אייזענבּאהן, עס הייסט—בּלויז 87 פּראָצענט, וואָס דיא אמעריקאַ־נער 10 גרויסע אייזענבּאהן־טראַסטס פאַרמאָגען. און איבּער דיעזע 10 טראַסטס שוועבּען דיא גייסטער פון דיא אייזענבּאהן־מאַגנאַטען האַר־רימאַן, ראָקקעפעללער, וואַנדערבּילט, שיף, גולד און נאָך איינינע.

דאַס זעלבּע איז מיט דער פּערהאַסטער סטענדאַרד אויל קאָמפּאַני. זיא טראָגט זיך אַזאַ בּעשיידענעם נאָמען „אויל קאָמפּאַני." און איהרע „העדקוואָדערס" פאַרנעהמען אַזאַ בּעשיידענעם פּלאַץ ערגעץ אין אַ געסיל פון אַ שטעדטעלע אין ניו דזשוירזי סטייט. און דער הויפּט־מאַכער פון דיזער קאָמפּאַני דזאָהן ראָקקעפעללער, פיהרט זיך אַזאַ בּעשיידענעם לעבּען, און האַלט גאָר אויף אַ קלאַס אין בּיבּעל. אָבּער דיעזע קאָמפּאַניע איז צוזאַמענגעשטעלט פון פיעלע קאָמפּאַניעס און טראַסטס און איז איינער פון דיא גרעסטע און מעכטיגסטע טראַסטס פון לאַנד.

און דיא בּילדונג פון אַלץ נייע טראַסטס געהט נאָך אָן. דאָס איז אַ פאָלקאָמענע בּעוועגונג, אַ טראַסטס־בּעוועגונג. דיעזע בּעוועגונג איז פאַרבּאָרגען, זיא פאַרשפּרייט זיך בּעהאַלטענערהייד, טרעט ארויס פערמאַסקירט. אָבּער זיא איז אַ פאַקט, אַ ווירקליכקייט, וועלכע האָט אַן אונגעהייערן איינפלוס אויף דעם ווירטהשאַפטליכען, פּאָליטישען —און אין אַלגעמיין געזעלשאַפטליכען לעבּען פון דיא פעראייניגטע שטאַאַטען. זיא ריהרט אָן דיא אינטערעסען פון דיא פערשיעדענסטע שיכטען פון דער בּעפעלקערונג—דעם קויפער, זאָגלייך ווי דעם פאַרקוי־פער, דעם אַרבּייטער, דעם פאַרמער, דעם קליינעם קאַפּיטאַליסט, דעם גרויסען און זאָגאַר דיא רעגיערונג. און דאַרום ליעגט דאַס דער טראַסט בּיי אַלעמען אין דיא מיילער; דאַרום טרעטען דאַס אַלע ארויס געגען איהם אין קאַמפּף; דאַרום ווערט ער דאַס אַזוי שאַרף קריטיקירט פון

אלעמען, דארום ווערט ער דאס אזוי אָפט אטאקירט.

ווער אטאקירט איהם ניט? גלחים אין דיא טשוירטשעס, עדיטאָרס אין זייערע פייפערס, געזעץ־געבער אין קאנגרעס און אין די לעדזשיס־לייטשורס, אטאָרני דזשענעראלס (פּראָקוראָרען) אין דיא קאורטס, דער פּרעזידענט אין „ווייסען הויז" — אלע רעקאמענדירען זיי מיטלען, וויא צו בעשרענקען דיא טראַסטס, וויא זיי צו בעקעמפּפען.

אָבער א מאָדנע זאך. מען ברענט און מען בראָט דיא טראַסטס, מען גיט ארויס געזעצע געגען זיי, מען פאַרפאָלגט זיי, מען קעמפּפט מיט זיי, — און זיי בלייבען אונבעקעמפּפט, אונבעשעדיגט.

נאַטירליך, ניט אלע „קעמפּפער" קעמפּפען לשמה, ניט אלע זיינען זיי טאקע פיינדע פון טראַסטס. מאנכע פון זיי זיינען גאָר אויסען דער־ביי ישמאָלע, עגאָאיסטישע אינטערעסען. אָבער וויא באלד דיא טראַסטס רופען ארויס געגען זיך אזא אלגעמיינעם האס און גרימצאָרן, טאָ וויא קומט עס, אז ניט נאָר וועלען זיי ניט בעשרענקט, נאָר, פאַר־קעהרט, זיי האלטען נאך אין איין פערשפּרייטען זייערע פליגלען איבער דער גאנצער לאנד? זאָל דאָס זיין צוליעב דעם, וואָס דיא מיטלען, וועלכע מען האָט ביז אהער געגען זיי אנגעווענדעט, זיינען געווען שוואכע? און צו זיינען אין אלגעמיין דאָ שטארקערע מיטלען? וואָס קענען מיר נאך האָפען און ערוואַרטען פון דיא טראַסטס?

אום צו ענטפערען אויף דיעזע פראגען, מוזען מיר פריהער זעהן, וואָס איז אייגענטליך א טראַסט, וועלכע אורזאכען ריפען איהם ארויס אין לעבען, וויא ווערט ער צוזאמענגעשטעלט און וואָס איז זיין בעדיי־טונג און זיין ראָלע אין דעםווירטהשאפטליכען לעבען, א. ז. וו.

דאָס אלעס וועלען מיר בעשפּרעכען אין דיא פאָלגענדע קאפּיט־לעך.

דיא פרייע קאנקורענץ.

דיא פערטהיידיגער פון דער יעצטיגער ווירטהשאפטליכער אָרדנונג האלטען אין איין רימען און לויבען דיא פרייע קאנקורענץ. זיי בע־הויפּטען זאָגאר, דאס נאָר א דאנק דער פרייער קאנקורענץ קען יעדער מענש ענטוויקלען זיינע פעהיגקייטען און זיינע ספּעציעלע אייגענשאפ־טען. אין דער אמת'ן אָבער, אין טאָג־טעגליכען לעבען, זוכען זיי גאָר נאָכאנאנד מיטלען, וויא איהר איינצוהאמעווען און צו בעשרענקען. דיא פרייע קאנקורענץ לעגט זיך, וויא א שווערע לאסט, אויף אלע ביזנעס־לייטע. און פילע האלטען ניט אויס די שווערינקייט פון דיעזער לאסט און ווערען רואינירט.

אין יעדען צווייג פון דער אינדוסטריע, אין יעדער ליין פון ביזנעס קומט פאָר א מורא'דיגע קאנקורענץ. יעדער מאנופעקטשורער זוכט צו קריגען וואָס מעהר קונדען, טרייעט צו פארפלייצען דעם מארקעט

מיט זיינע סחורות. ער שטרענגט דארום אָן אלע זיינע כחות, ווענדעט אָן אלע זיינע פעהיגקייטען אום צו בעקעמפפען זיינע קאנקורענטען. פאר קיינע מיטלען שטעלט ער זיך ניט אָפ. ער פיהרט איין נייע קאָסטבארע מאשינען, וועלכע ארבייטען אוים מעהר סחורות; ער געפינט אוים פלענער, וויא צו קויפען דיא רויהע מאטעריאלען וואָס בילליגער, כדי ער זאָל קענען זיינע סחורות פערקויפען בילליגער וויא זיין קאנקורענט. און אָפט שעהמט ער זיך ניט אונטערצושטעלען א פיסעל זיין קאנקורענט. ווארום אז ניט וועט יענער איהם אונטערשטעלען א פיסעל און איהם ארויסשטופען פון מארקעט. דיא פרייע קאנקורענץ אלזאָ איז א שטענדיגע מלחמה צווישען ביזנעס־לייטע. דאס געהט אָן א מלחמה ניט נאָר כדי צו בעקומען גרעסערע פראָפיטען, נאָר אויך און הויפטזעכליך כדי צו פארהיטען כאָטש דיא פריהערדיגע פראָפיטען, כדי אויפצוהאלטען זיך אין דער אלגעמיינער קאנקורענץ אום ניט אראָפצולאָזען זיך אלץ ניעדריגער. דאס איז אלזאָ א מלחמה פון זיין און ניט זיין, א קאמפף פאר זעלבסט־עקזיסטענץ.

און וויא אין יעדער מלחמה, זיעגט דאָ אויך דער שטארקערער אָדער דער פעהיגערער. אלס זיעגער בלייבט דער רייכערער מאנופעקטשורער, דער, וואָס האָט געקענט ספענדען גרעסערע סומען געלד אויף מאשינעריי, אָדער געבען זיינע סחורות אויף קרעדיט, אָדער פארקויפען אויף א קלענערען ריוח און אפשר גאָר אויף היזק. עס געווינט דער, וועלכער האָט בעסער פערשטאנען, ריכטיגער אויסגערעכענט — ווען און וואו עס לוינט זיך בעסער איינצוקויפען פערשיעדענע מאטעריאלען, א. ז. וו.

נאָר אָט דיא שטארקערע, דיא פעהיגערע האָבען שוין געזיעגט.

זיי זיינען שוין יעצט דיא איינציגע בעלי הבתים אויף'ן מארקעט. דיא קאנקורענץ צווינגט זיי שוין מעהר ניט צו פערקויפען אונטער'ן פרייז. יעצט האָבען זיי א געלעגענהייט צו העכערען דיא פרייזען און אומקעהרען דעם שאדען, וואָס דיא פרייע קאנקורענץ האָט זיי פערשאפט. יעצט, הייסט עס, האָבען זיי א מאנאפאליע אויפ'ן מארקעט.

אָבער אומזיסט איז זייער פרייד. עס געלינגט זיי אפילו צו העכערען די פרייזען, אָבער ווייט ניט אזוי הויך, ווי זיי האָבען געהאָפט. ווארום, וויא נאָר זיי הויבען אויף דיא פרייזען א רעכטע ביסעל העכער, ווערט דער אָרטיגער מארקעט פערפלייצט מיט סחורות פון אנדערע שטעדט און פון אנדערע געגענדען.

ביי געוועהנליכע אומשטענדען, ווען דיא פרייזען זיינען מעסיגע, קאנקורירען ניט דיא מאנופעקטשורערס פון פערשיעדענע געגענדען איינער מיט'ן אנדערען. דער צוקער־מאנופעקטשורער פון קאליפאָרניא, צ. ב. ש., וועט ניט שיקען זיינע צוקער אויפ'ן שיקאגאָ'ר מארקעט, וויל באָסטאָן איז א סך נעהנטער צו שיקאגאָ, און פון דאָרטען צו

שיקען סחורה קיין שיקאגאָ קאָסט א סך ביליגער. דער באָסטאָנער צוקער הענדלער קען דארום אין שיקאגאָ פערקויפען זיינע צוקער פאר א קלענערען פרייז, וויא דער קאליפאָרניער צוקער־הענדלער.

דאָס איז גערעדט, ווען אלעס געהט כשורה. וויא איז אָבער, אז אין א געוויסען אָרט האָבען איניגע מאנופעקטשורערס בעקומען א מאָנאָפאָליע אויף'ן מארקעט? דאן ווילען זיי דאָך נאטירליך, אויסנוצען זייער מאנאפאָליע און העכערען דיא פרייזען. אָבער וויא נאָר זיי העכערען דיא פרייזען איבער א געוויסער מאָס, הויבען אָן אנצוקומען סחורות אויך פון אנדערע ערטער. ווען דיא באָסטאָנער צוקער־הענדלער, צ. ב. ש., זאָלען אין שיקאגאָ העכערען דיא פרייזען פון צוקער, וועט זיך שוין פאר דעם קאליפאָרניער צוקער־הענדלער אויך לוינען צו שיקען צוקער קיין שיקאגאָ. איהם קאָסט טאקע פראכט טהייערער, אָבער דער פאר איז דאָך דער פרייז פון צוקער געשטיעגען. און דאן וועט מוזען אויסברעכען א קאנקורענץ צווישען דעם באָסטאָנער צוקער־הענדלער און דעם קאליפאָרניער. און דער פועל יוצא איז, אז דיא פרייזען פאללען ווידער. דער באָסטאָנער צוקער־הענדלער זעהט זיך א־ום, אז ער האָט אייגענטליך גאָר נישט אויסגעפיהרט. אומזיסט האָט ער געקעמפפט, אומזיסט האָט ער זיך „געבלוטיגט" אום ארויסצושטופען זיינע ארטיגע קאנקורענטען פון'ם שיקאגאָ'ר מארקעט. עס קומט גאָר אויס, אז ער האָט גאָר „געהאָרעוועט" פאר ווילד־פרעמדע, פאר'ן פובליקום. ער מוז גאָר אָנהויבען פון דָאס ניי, און פארשילט דיא פרייע קאנקורענץ, אלס זיין גרעסטען אומגליק, און ביינקט נאָך א צייט, ווען דיא פרייע קאנקורענץ וועט דערשטיקט ווערען, און ער וועט זיין דער איינציגער מאכער אויפ'ן מארקעט.

דאָס איז נאָך ניט אלעס. צוליעב דער פרייער קאנקורענץ ווערט דער מאנופעקטשורער פערשווארצט ביי זיינע קונדען. איבערהויפט ליידעט ער פון זיי אין אן אונגעוועהנליכע צייט — אין א קריזיס־צייט אָדער אין צייט פון א גרויסער אויפלעבונג אין דער אינדוסטריע: אין א קריזיס צייט מאכען זיי זיין לאגע נאָך ערגער; און אין א צייט פון אויפלעבונג לאָזען זיי איהם ניט געניסען פון דער פראספעריטי.

אין א קריזיס־צייט מאכען דיא קונדען וועניגער אָרדערס: זיי ווארטען אויף בעסערע צייטען. דער מאנופעקטשורער אָבער קען ניט ווארטען. זיינע מאשינען טאָרען ניט „שטעהן לעדיג." יעדער טאָג „לעדיג־שטעהן" קאָסט איהם זעהר טהייער. ער איז צופריעדען צו פערקויפען אויף קרן, נאָר צו דעקען כאָטש דיא עקספענסעס אין זיין פעקטאָרי. ער מוז אנקומען צו דיא לאַסקע פון זיינע קאָסטימערס, אויסשטעהן זייערע קאפריזען און מרוצה ווערען אויף זייערע בעדינ־

גונגען. איין קונד מוז ער איבערבייטען אָדער איבעראַרבייטען דעם אָרדער; א צווייטען גיט ער סחורה אויף א לענגערען קרעדיט; א דריטען פערקויפט ער אונטער׳ן מקח, א. ז. וו. א ברירה האָט ער? ווען ניט, געהען זיי אַנדערשוואו, צו זיין קאָנקורענט.

דער מאַנופעקטשורער וויל ניט ארויסלאָזען קיין לייזונג — ער רעכענט זיך אויס: נישקשה, עס וועלען דאָך קומען בעסערע צייטען, ווען ער וועט האָבען דיא אויבערהאַנד איבער דיא קונדען, ווען יעדער פון זיי וועט זיך בעטען מען זאָל זיינע אָרדערס וואָס גיכער אויס־פיללען. דאַן, הייסט עס, וועט ער רייסען פון זיי פרייזען און אפּרע־כענען זיך מיט זיי פאַר די שלעכטעס, וואָס זיי האָבען איהם אָנגעטהאָן אין דער קריזיס־צייט.

אָבער אָ, וועה! זיינע האָפנונגען לאָזען זיך ניט אויס. צוליעב דער פערפלוכטער פרייער קאָנקורענץ האָט ער קיין מעגליכקייט ניט צו „שעפּען גאָלד“ אין דיא פּראָספּעריטי צייטען. פון דיא פּראָספּע־ריטי געניסען נאָר אַנדערע, ניט ער, דער אונגליקליכער אונטערטהאַן פון פרייער קאָנקורענץ.

וויא נאָר דער קויפער, אויב ער איז נאָר א געניטער ביזנעס־מאַן, דערשפּירט, אז עס געהט צו בעסער, בעוואָרענט ער זיך מיט א זאַפּאַס. ווארום, וואָס בעסער עס ווערען דיא צייטען, אַלץ טהייערער וועלען דאָך שפּעטער בעטרעפען זיינע אָרדערס. דארום אָרדערט ער יעצט, ווען דיא מאַנופעקטשורערס ליעגען נאָך ביי איהם ביי דיא פיס. יעצט קען ער נאָך בעשטעלען סחורה אויף זעהר ניעדריגע פרייזען. דער מאַ־נופעקטשורער קען זיך אויך זיין א געניטער ביזנעס־מאַן און אויך פאַרשטעהן, אז בעסערע צייטען פאַר ביזנעס קומען אָן, ער פרובירט אויפהויבען א ביסעל דיא קאָפּ און האַלטען זיך אביסעל אינדעפּענ־דענט. אָבער דער קונד גיט איהם א סטראַשע מיט אַנאַנדער פעקטאָרי. דער מאַנופעקטשורער דערמאָהנט זיך אָן זיין מלאך המות, אָן דער קאָנקורענץ, הייסט עס, און דיא קאָפּ לאָזט זיך ביי איהם אראָפּ אויף איהר פריהערדיגען אָרט — און ער נעהמט אָן דעם אָרדער.

טאָמער איז דאָס נאָך ווייניג, צווינגט איהם נאָך אָפּט דער קונד צו מאַכען מיט איהם א קאָנטראַקט אויף פאַראויס, עס הייסט ער בע־שטעלט ביי איהם סחורה, וועלכע וועלען ערשט פּראָדוצירט ווערען מיט א יאָהר, אַנדערהאַלבען אָדער צוויי יאָהר שפּעטער. נאַטירליך, ער גיט א העכערען פרייז, וויא פאַר אַן אָרדער, וואָס דארף געמאַכט ווערן שוין יעצט, ווען ביזנעס איז נאָך „סלאָו.“ אָבער דער פרייז, וואָס ער גיט, איז א סך קלענער פון דעם, וואָס מען קען פאַראויסזעהן אין דער צייט, ווען דער אָרדער מוז געמאַכט ווערען. דער מאַנופעק־טשורער איז, נאַטירליך ניט איבערצופריעדען מיט אזא אָרדער. אָבער וואָס טהוט מען מיט דער פרייער קאָנקורענץ? אויב ער וועט זיך

ענטזאגען פון א קאָנטראקט אויף פאראוים, וועט זיין קאנקורענט שליעסען דעם קאָנטראקט. על כל פנים ער נעהמט אָן דעם אָרדער.

און ווען דיא צייטען קומען ענדליך אָן, ווען פרייזען שטייגען איבעראלל, ווען ארבייט פיהלט זיך געהויבען און פאָדערט העכערע וויידזשעס, מאטעריאלען ווערען בראנד טהייער, עקספענסעס וואקסען, און אומעטום ווערט „ביזי", איז ביי אונזער מאנופעקטשורער אין פעקטאָרי אויך ביזי: מען פערפערטיגט דאָרט דיא אלטע אָרדערס, וואָס זיינען געמאכט געוואָרען מיט א יאָהר צוריק, פאר א העלפט פרייז.

א מענש איז דאָך אָבער ניט קיין מלאך. דער קאָסטימער מעג זיך זיין דער געניטסטער ביזנעס מאן און דאך מאכען א מאָל א טעות. ער קען מאכען א קאָנטראקט פאראוים, און צו יענער צייט קען זיך שוין דער רעדעל האָבען אריבערגעדרעהט, און ערגערע צייטען קענען שוין דאן אָנקומען. אין אזא פאל קען, דאכט זיך, דער מאנופעקטשור־ער פראָפיטירען פון דעם פאראוים־געמאכטען קאָנטראקט. אָבער עס דאכט זיך נאָר אזוי. דער קונד וועט ניט אָפנעהמען דיא בע־שטעלטע סחורה, ווען איהם לוינט זיך ניט. דער מאנופעקטשורער קען שפרינגען, בעטען, בייזערען זיך, צאפּלען זיך, סטראשען — אָבער דער קונד וועט שוין אויסגעפינען אן אויסרייד געגען אָרדער און וועט זעהן זיך ארויסצודרעהען. און נאָך אלעמען וועט דער מא־נופעקטשורער מוזען נאָכגעבען. און אין דעם וועט ווידער זיין שול־דיג דיא פרייע קאנקורענץ. אוים קאנקורענץ האָט ער מורא איינצור־רייסען מיט'ן קונד — און גיט נאָך.

דיא קאנקורענץ אליין ברייננט, דאס דער מאנופעקטשורער זאָל אימער זיין אונטערוואָרפען אונטער זיינע קונדען, סיי אין גע־וועהנליכע צייטען, סיי אין אונגעוועהנליכע צייטען.

מיר רעדען דאָ אליין וועגען מאנופעקטשורער. דעם מאנופעקט־שורער האָבען מיר דאָ געבראכט נאָר אלס א ביישפּיעל. וואָס מיר האָבען געזאָגט וועגען מאנופעקטשורערס איז ריכטיג אויך אין בעצוג צו סוחרים, ביינקערס, א. ד. גל. אלע ליידען זיי פון דער פרייער קאנ־קורענץ און אלע זוכען זיי מיטלען, וויא איהר צו בעשרענקען.

מאנכע קאפּיטאליסטען זיינען געפאלען אויף אזא פלאן. צו וואָס זאָלען זיי זיין אונטערוואָרפען אונטערן קאָסטימער און ציטערען יענער זאָל ניט אוועקגעהן צו א קאנקורענט, א מעהר וועלען זיי איהם בעסער צווינגען ער זאָל זיך אליין האלטען אן זיי, און פשוט מורא האָבען צו געהן אנדערשוואו. אזוי האָט צ. ב. ש., געהאנדעלט קארנעגי איידער זיין „קארנעגי סטיעל קאָמפּאני" איז אריינגעטראָטען אין די „יונייטעד סטייטס סטיעל קאָרפּאריישאָן."

דיא „קארנעגיע סטיעל קאָמפּאני" פלעגט פּראָדוצירען רויהע מא־

טעריאַלען פון אייזען און סטיעל, און איהרע קאַסטימערס זיינען געװען פיעלע רייל־פעקטאָרים (וואו מען פראָדוצירט רעלסען), דראָט־פעקטאָרים, בלעך פעקטאָרים א. ז. וו.

אום צו זיין אינדעפענדענט און ניט מורא צו האָבען פאר איהרע קאַסטימערס, האָט דיא „קארנעגי סטיעל קאָמפּאַני" אליין אָנגעפאַנגען פראָדוצירען רעלסען, דראָט, א. ד. גל. עס הייסט זיא האָט אָנגעפאַנגען צו קאנקורירען מיט דיא אייגענע קאַסטימערס. און אזוי וויא זיא איז געװען א געפעהרליכער קאנקורענט — ווייל דיא רויהע מאַטעריאַלען האָט זיא דאָך אליין פּראָדוצירט, און האָט געקענט דארום פערקויפען דראָט, ריילס, א. ז. וו. ביליגער, וויא איהרע קאַסטימערס, — האָבען זיי, דיא קאַסטימערס אָפּט מורא געהאט מיט איהר איינצורייסען. אויף דעם זעלבען פּלאַן זיינען געפאַללען אויך אנדערע קאָמפּאַניעס קארנעג׳ס קאָנקורענטען.

נאָר עס איז זעלבסט פערשטענדליך, דאָס אזא ענטפער אויף דיא קאנקורענץ־פראגע האָט געקענט געבען נאָר א קארנעגי און זיין גלייכען. אָבער ווייט ניט יעדער מאנופעקטשורער פארמאָגט אזא ריעזיגען קאפּיטאל אום צו נעהמען זיך אויף אמאָל פאר מעהרערע געשעפטען. אויסער דעם איז קארנעגי׳ס ענטפער אין גרונד קיין ענטפער ניט. ווייל דער קונד קען זיך געבען דיא זעלבע עצה, וואָס ער, קארנעגי. אויב דער קונד האָט נאָר גענוג קאפּיטאל, קען ער זיך ארייגלאָזען אין דעם מאנופעקטשורער׳ס ביזנעס. אזוי האָבען טאקע געטהאָן אייניגע דראָט פעקטאָרים: זיי האָבען אָנגעפאנגען צו פּראָדוצירען רויהע סטיעל און אייזען און קאנקורירען מיט קארנעגי׳ן.

בלייבט אלזאָ איין מיטעל פּטור צו ווערען פון דער קאנקורענץ. און דאָס איז פעראייניגונג צווישען זיך, צווישען דיא קאפּיטאליסטען פון איין און דער זעלבער אינדוסטריע.

אזא פעראייניגונג קען דיא קאנקורענטען ברייגען נאָך א סך אנדערע נוצען. אָט, צ. ב. ש., אזוי מוז יעדער קאפּיטאליסט פאר זיך אָנפיהרען א קאמפּף מיט זיינע ארבייטער און איז אָפּט טאקע געצוואונגען מיט א בלוטענדער הארץ נאָכצוגעבען. אָבער, פעראייניגט מיט אנדערע, וואָלט ער גאָר געקענט לערנען בלק מיט דיא ארבייטער און האלטען זיי פעסט אין צאַם.

פעראייניגט קענען דיא מאנופעקטשורערס בעסער קעמפּפען מיט דיא יעניגע, ביי וועלכע זיי קויפען איין זייערע רויהע מאטעריאלען; זיי קענען האָבען בשותפות׳ע שפּייכלערס און קלייטען, וואו צו האלטען דיא רויהע מאטעריאלען און דיא פערפערטיגטע סחורות און דאמיט פערקלענערען די קאָסטען פון פּראָדוקציאָן. זיי קענען אויך פארשפּאָרען פיעלע עקספּענסעס דורך דעם, וואָס דיא מענעדזשמענט, דיא פערוואלטונג, דיא אָפיסעס וועלען זיין שותפות׳ע.

פעראייניגונג קען געבען דיא מיטעלע און קלענערע קאפּיטאַליס־טען א מיטעל אויסצוהאלטען דעם קאמפּף מיט'ן גרויסען קאפּיטאליסט. זיי קענען דאן מאכען בשותפות'ע פערבעסערונגען אין דער פּראָ־דוקציאָן אום צו זיין אימשטאנדע צו פערקויפען ניט טהייערער, וויא דער גרויסער קאפּיטאליסט.

מיט איין וואָרט, דער קאפּיטאליסט זעהט זיך ארום, אז נאָר אין פעראייניגונג איז זיין מאכט. ניט אומזיסט־זשע פאָדערען דיא סאָצי־אליסטען: ארבייטער פון אללע לענדער, פעראייניגט זיך!

און דער שלאַג־וואָרט ביי דיא קאפּיטאליסטען ווערט: נאָר אין פעראייניגונג איז דיין רעטע!

פעראיינען פון קאָמפּאניעס און איינצעלנע קאפּיטאליסטען.

1.

דער פּול.

נאָך **מיט פיעלע יאָהרען** צוריק, האָבען שוין פערשיעדענע קאָמ־פּאניעס געמאכט פערזוכע, וויא צו בעשריינקען דיא קאנקורענץ דורך א פעראייניגונג. דיא איינפאכסטע פאָרמע פון פעראייניגונג איז א פּול. וואָס איז א פּול?

שטעלט זיך פאָר אז דיא צוקער קאָמפּאניעס פון פערשיעדענע שטעדט און סטייטס, וויא פון באָסטאָן, סיינט־לואיס, און פון קאלי־פאָרניא, פעראייניגען זיך אום צו מאכען א סוף מיט דער קאנקורענציע אין דער צוקער אידוסטריע. זיי מאכען אפּ צווישען זיך וויא פיעל טאָן (א טאָן איז 2000 פונט) צוקער יעדער פון זיי האָט א רעכט צו פערקויפען. די יעניגע קאָמפּ., וועלכע וועט פערקויפען מעהר ווי איהר בעשטימטע צאָהל טאָן, עס הייסט מעהר וויא פיעל עס קומט אויס אויף איהר חלק, מוז צאָהלען שטראָף. דיעזען שטראָף צאָהלט מען אוים דיא יעניגע, וואָס צוליעב דעם וואָס אנדערע האָבען פערקויפט מעהר, האָבען זיי געמוזט פערקויפען וועניגער.

למשל, דיא אנערקענטע צאָהל טאָן פון א באָסטאָנער צוקער מאַ־נופעקטשורער איז א מיליאָן טאָן א יאָהר, דאָס הייסט: אז לויט דעם אָפּמאַך טהאָר דער מאנופעקטשורער ניט ארויסלאָזען אויפ'ן מארקעט מעהר, וויא א מיליאָן טאָן צוקער. דיא אנערקענטע צאָהל טאָן פון א קאליפאָרניער מאנופעקטשורער איז 800,000 טאָן (דיא צאָהל ווערט בעשטימט לויט דיא גרויס פון יעדענס פעקטאָרי). דער מאנופעקט־שורער פון סיינט־לואיס האָט א רעכט אויף 500,000 טאָן, א. ז. וו., נאָר צוליעב אייניגע גרינדע האָט דער באָסטאָנער פערקויפט א מילי־יאָן מיט 400 טויזענד טאָן צוקער, מיט 400,000 מעהר, וויא פיעל עס קומט אויס אויף זיין חלק. דערפאר האָט דער קאליפאָרניער געקענט

פערקויפען ניט מעהר, ווי 700,000 טאָן, מיט 100 טויזענד טאָן וועניגער פון זיין בעשטימטע צאָהל; און דער סיינט־לואיסער האָט פערקויפט נאָר 200,000 טאָן, מיט 300 טויזענד טאָן וועהניגער, לויט דעם אָבמאך מוז דער באָסטאָנער צאָהלען שטראָף, לאָמיר זאָגען, צו דאלאר אויפ'ן טאָן. ער צאָהלט אלזאָ 400,000 דאלאר שטראָף. פון דיעזע 400,000 בעקומט דער קאליפאָרניער 100,000, און דער סט. לואיסער — 300,000 דאללאר.

נאָך אזא לעסאָן, וועט שוין דער באָסטאָנער היטען זיין מאָס. צו וואָס זאָל ער אריינכאפּען און פארקויפען מעהר, אז סאי ווי וועט ער דארפען אָפּשטעקען דעם פּראָפיט אויף דיא איבעריגע 400,000 טאָן.

אָט אזא פערבאנד פון קאָמפּאניעס אָדער איינצעלנע מאנופעקט־שורערס רופט זיך דאס פּול.

א פּול אלזאָ איז א פּרייוויליגער פערבאנד פון מאנופעקטשורערס, אָדער אזוי ביזנעס־לייטע, וואָס פעראייניגען זיך מיט'ן צוועק צו בע־קומען די אויבערהאנד אויפ'ן מארקעט. מיט דער הילפע פון'ם פּול, קענען זיינע מעמבערס אזוי רעגולירען דיא פּראָדוקציאָן און דעם האנ־דעל, אז דיא פּרייזען פון סחורות זאָלען ניט פאלען, און דער פארקוי־פער זאָל זיין זיכער מיט זיין פּראָפיט. דער פּול האָט אויך דיא מעג־ליכקייט איינצוקויפען רויהע מאטעריאלען אויף גינסטיגערע בעדינ־גונגען, וויא איינצעלנע קאָמפּאניעס; ער קען אויך צווינגען דיא אייז־ענבאהן קאָמפּאניעס זיי זאָלען פיהרען דיא סחורות פון זיינע מעמ־בערס ביליגער אָדער זיי זאָלען ארויסצאָהלען „ריבייטס.“ ריבייטס בעדייטעט אָט וואָס. דער געזעץ פאָדערט, אז דיא אייזענבאהן זאָל טראנספּאָרטירען סחורה לויט א בעשטימטער טאקסע (פּרייז, רייט). זיא טאָר קיינעם ניט נושא פּנים זיין. דעם גרויסען סוחר, דעם קליי־נעם — אלעמען מוז זיא רעכנען דעם זעלבען פּרייז פאר אריבער־פיהרען סחורה. דער גרויסער סוחר אָבער, דער גרויסער קאָסטימער, וועלכער גיט א סך צו לייזען, ווייל ער טראנספּאָטירט גרויסע מאסען סחורות, וויל ניט וויסען פון דיעזען געזעץ און פאָדערט, דאָס די אייזענ־באהן זאָל איהם „טשארדזשען“ (רעכענען) וועניגער, ווי די טאקסע איז. א ניט, סטראשעט ער, וועט ער טראנספּאָרטירען זיינע סחורות אויף אנאנדער וועג. כדי צופריעדענצושטעלען אי דעם גרויסען קאָסטימער, אי דעם געזעץ, איז זיך דיא אייזענבאהן נוהג אזוי: זיא נעהמט טאקסע ביי דעם גרויסען קאָסטימער לויט דער טאקסע נאָך, אָבער בשתיקה צאָהלט זיא איהם ארוים צוריק. דיעזע אויסגעצאָהלטע סוממע, הייסט דאס ריבייט.

נאָר דער הויפּט צוועק פון'ם פּול איז — ניט צו דערלאָזען קיין קאנקורענץ און צו בעשרענקען דיא פּראָדוקציאָן כדי אויפ'ן מארקעט זאָל זיך בעסער פיהלען א מאנגעל אין סחורות. אויף אזא אופן מאכט

דאס דער פול, דאס פרייזען זאָלען שטייגען.

אָבער דער פול איז ניט אימשטאנדע געווען אויסצומיידען קאָנ־קורענץ צווישען זיינע מעמבערס. איבערהויפט דער פאַר, וואָס ער האָט ניט געהאט קיין מעגליכקייט צו צווינגען זיינע מעמ־בערס זיי זאָלען היטען דעם אָבמאַך. וויא באַלד דער פול איז א פריי־וויללינגער פערבאַנד, האָט דאָך יעדער מעמבער דיא פרייהייט ארויס־צוטרעטען פון איהם צו יעדער צייט, ווען איהם לוינט זיך. אָט אין אונזער ביישפּיעל, דער באָסטאָנער מאַנופעקטשורער. ער האָט א גע־לעגענהייט צו פארקויפען מיט 400 טויזענד טאָן צוקער מעהר וויא עס קומט אויס אויף זיין חלק. בעת מעשה וועט ער זיך גאָר ניט רעכענען מיט דיא רולס, אז ער טאָר דאָס ניט טהאָן. און ניט נאָר וועט ער דאס טהאָן, נאָר ער וועט אויך ניט בעצאָהלען דיא 400 טויזענד דאָלאַר שטראַף. א נאַר וועט ער זיין, וואָס? ער וועט זיך אויסרע־כענען — צו וואָס זאָל ער צאָהלען אזא שטראָף, אמעהר וועט ער גאָר ארויסטרעטען פון׳ם פול. אי, עס קען זיך דאָך מאָרגען טרעפען, פאַר־קעהרט, אז דער צווייטער וועט גאָר האָבען א געלעגענהייט צו פארקוי־פען מעהר, וויא דיא אָבגעמאכטע צאָהל טאָן, און איהם וועט אפשר געלינגען צו פערקויפען קוים א העלפט פון זיין חלק? נאָר וועגען מאָר־גען זאָל גאָט זאָרגען. און היינט וועט ער בעסער דיא 400,000 דאָלאַר לאָזען ליעגען אין זיין פאַקעט, אנשטאט צוצוטהיילען זיי צווישען זיינע אונפעהיגע מיט־מעמבערס פון דעם פול.

איבערהויפט איז שווער איינצוהאלטען דיא מעמבערס אין פול אין א צייט פון א פאַניקע אין דער ביזנעס־וועלט. פונקט וויא אין א פאַניקע קען דער פאסטוך ניט איינהאלטען דיא בהמות אין טשערע־דע, און יעדע לויפט, וואו דיא אויגען טראָגען איהר, אזוי איז דער פול מאכטלאָז אין דער צייט ווען א פאַניקע ברעכט אויס אין׳םווירטה־שאפטליכען לעבען. אין א פאַניקע, אין א קריזיס, איז יעדער זשעדנע נאָך א קויפער. פון הויכע פרייזען איז שוין דאן אָפגערעדט. דער מאַנו־פעקטשורער איז צופריעדען, וואָס ער קען כאָטש פּראָדוצירען אויף קרן, אום נאָר דיא פעקטאָרי זאָל ניט שטעהן לעדיג. ביי אזעלכע אומשטענדען וועט קיין מאַנופעקטשורער ניט ארויסלאָזען קיין לייזונג פון די הענד, ווען נאָר עס וועט זיך איהם מאכען, אפילו ווען ער וועט דערביי מוזען איבערטרעטען זיין אָבגעמאכטע צאָהל און ארויסטרעטען פון פול. און אויב ער וועט שוין ווען יוצא זיין פאר׳ן פול וועט ער שוין געפינען אן עצה. אויב דער פול פארוועהרט, צ. ב. ש., א געוויסען פאבריקאַנט צו פארקויפען מעהר וויא דער אָפמאַך איז, וואָס זיא מעג פארקויפען, וועט דער מאַנופעקטשורער טאקע פארקויפען ניט מעהר, וויפיעל עס קומט אויס אויף זיין חלק, אָבער צו דער זעלבער צייט וועט ער אויך פּאַרקויפען דיא זעלבע סחורה אין אנדערע פּאָרמע. לאָמיר זיך פּאָר־

שטעלען א פעקטאָרי, וואָס פּראָדוצירט אייזען בארס, (אייזען שטאַנ־גען). איהר צאָהל וואָס זי מעג פּארקויפען, לאָמיר זאָגען איז 100,000 טאָן פארטיגע שטאַנגען. וועט אָבער די פעקטאָרי אויסער דעם פארקוי־פען אויך א גרויסען צאָהל האלב־פארטיגע שטאַנגען. אָדער א גרויסע צאָהל זאכען, וואָס ווערען געמאכט פון די שטאַנגען. צוזאמען הייסט עס, קען גאָר דער מאנופעקטשורער אמאָל פארקויפען צוויי, דריי מאָל אזוי פיעל, וויא עס איז איהם ערלויבט. ער האָט אלזאָ דעם פּול אין דר׳ערד און צו דער זעלבער צייט, איז ער זיך א פיינער מאַן, ער פאָלגט דיא בעשליסע פון׳ם פּול, און דער לעצטער קען איהם ניט בעשטראָפען.

אין א צייט פון א קריזיס צופאלען זיך, צוגעהן זיך דיא פּולס, וויא שנעע אונטער דער ווירקונג פון זונען שטראהלען. און דאַן, ווען א פּול צופאלט, ווערט דיא קאנקורענץ נאָך ביטערער, און דיא פּרייזען לאָזען זיך אראָפּ נאָך ניעדעריגער, וויא זיי זיינען געווען איידער דער פּול האָט זיך געגרינדעט.

אויסער דעם, טרויען זיך ניט דיא מעמבערס פון פּול. איינער איז חושד דעם צווייטען, אז יענער היט ניט דיא בעשליסע. עס קומען פאָר רייסערייען און אונצופריעדענהייט. דיא מעמבערס ווערט מיאוס און מאוס צו שפּיאָנירען איינער נאָך׳ן צווייטען און צו זיין שפּיאָנירט פון אנדערע.

און אין אלגעמיין קען גאָר ניט דער פּול סיסטעמאטיש רעגולירע, דיא פּראָדוקציאָן, ווארום ער עקזיסטירט אונלעגאַל, און דעריבער קען ער ניט פארקלאָגען א מעמבער פאר ברעכען דעם אָפּמאַך. נאָך פון 1870 עקזיסטירען אין פיעלע סטייטס בפירוש׳ע געזעצע, וועלכע פארבאָטען מאנופעקטשורערס צו פאראייניגען זיך מיט׳ן צוועק צו פיקסען אָדער צו רעגולירען פּרייזען. און דער הויפּט־צוועק פון א פּול איז דאָך צו פיקסען און צו רעגולירען פּרייזען!

וואהרשיינליך עקזיסטירען נאָך ערגיץ וואו, אונלעגאַל פארשטעהט זיך, מאנכע פּולס. נאָר אין אלגעמיין האָט זיך דער פּול ארויסגעוויעזען פאר אונפּראקטיש.

און בעזונדערע קאָמפּאניעס האָבען אָנגעפאנגען צו פאראייניגען זיך אין ט ר אָ ס ט ס.

2.

דער טראָסט.

ווי מיר האָבען געזעהן, בעשטעהט דער חסרון פון א פּול אין דעם, וואָס ער איז נאָר א לייזער פערבאנד. יעדע קאָמפּאניע, וואָס בעלאַנגט צו איהם, קען זיך לייכט, צו יעדער צייט ארויסטרעטען, ווען איהר לוינט זיך דאָס.

דער זאַגענאַנטער טראַסט אָבער איז שוין פריי פון דיעזען חסרון. דיא קאָמפּאַניעס, וואָס בעלאַנגען צו א טראַסט, זיינען פערבונדען דורך א פאָרמאַלען קאָנטראַקט; קיינע פון זיי קען שוין ניט ארויסטרעטען פון פערבאַנד, ווען איהר ווילט זיך. אויסער דעם געפינען זיך אַלע קאָמפּאַניעס פון טראַסט אונטער איין צענטראַלער פערוואַלטונג — פון „טראַסטיעס.“

שטעלט זיך פּאַר, אז אונזערע צוקער־קאָמפּאַניעס האָבען זיך ארומגעזעהן, דאס דער פּול איז אונפּראַקטיש. אויך האָט זיך דיא רעגיערונג דערוואוסט פון דעם פּול. זיי האָבען דארום אויפגעלעגט דעם פּול, און יעצט ווילען זיי זיך פערייניגען אין א טראַסט. פריהער פון אַלעם מאַכען זיי א פאָרמאַלען קאָנטראַקט, אין וועלכען עס זיינען אויסגערעכענט אַלע בעדינגונגען, אויף וועלכע די קאָמפּאַניעס זיינען מרוצה צו פערייניגען זיך, און אויך דיא שטראָף, וואָס דער טראַסט קען ארויפלעגען אויף דיא קאָמפּאַניע, וואָס פאָלגט ניט זיינע בעשליסע. נאכהער ערוועהלט יעדע צוקער־קאָמפּאַניע אוים צוויי, צו דריי, צו מעהר זאַגענאַנטע טראַסטיעס. דאָס וואָרט „טראַסטיע“ שטאַמט פון וואָרט „טראַסט“ — טרויען, צוטרויען. דער טראַסטיע איז אַנ'אַנדער טרויטער מאַן, א נאָמן, א מאַן, וועמען זיין קאָמפּאַניע פארטרויט די ביזנעס. די טראַסטיעס פון די אַלע קאָמפּאַניעס וועלכע געהן אריין אין טראַסט, זיינען דאָס די צענטראַלע פערוואַלטונג פון טראַסט. יעדע קאָמפּאַניע בעזונדער ווערט טאַקע פערוואַלטעט פו' אן אייגענער באָארד און דירעקטאָרס, אבער די באָארד און דירעקטאָרס ווערט אפּפּאָינטעד פון די טראַסטיעס און איז פעראַנטוואָרטליך צו זיי פאר די ביזנעס פון דער קאָמפּאַניע. יעדע קאָמפּאַניע, ווי בעוואוסט, האָט שערס (*
א שער הייסט א חלק, א חלק פון דער קאָמפּאַניע'ס אייגענטהום. ווען א קאָמפּאַניע, וואָס פאַרמאָגט, צ. ב. ש., א ביזנעס פון 100.000 דאלאר, לאָזט ארוים 1000 שערס, צו 100 דאללאר א שער, הייסט עס, אז דער'יעניגער, וואָס קויפט א שער, בעקומט א רעכט אויף א טויזענד חלק פון דער קאָמפּאַניע'ס אייגענטהום.

אלזא יעדע קאָמפּאַניע האָט, נאַטירליך, שערס. אונזערע צוקער־קאָמפּ'ס, ווען זיי טרעטען אריין אין טראַסט, לייגען איין, „פערטרויען“ אַלע זייערע שערס צו די טראַסטיעס. דיעזע לאָזען שוין ארוים אזעלכע ווערטה־פּאַפּירען, טראַסט־סערטיפיקייטס, אויף די זעלבע סוממע, וואָס די שערס פון אַלע קאָמפּאַניעס האָבען בעטראָפען. יעדע קאָמפּאַני בעקומט אויף אזוי פיעל טראַסט־סערטיפיקייטס, וויפיעל עס בעטרעפען די שערס, וואָס זי האָט איינגעלעגט ביי די טראַסטיעס. דיעזע סער־

(* שערס וועלען מיר אויספיהרליכער בעשפּרעכען אין איינעם פון די ווייטערדיגע קאַפּיטלען.

טיפיקייטס ווערען געקויפט און פערקויפט אויף דער בערזע, ווי גע־וואונליכע שערס (אקציעס). אַט דיעזער פאקט אליין צווינגט שוין די מיטגליעדער פון דעם טראַסט צו היטען זיינע רולס. ווארום וואָס מעהר זיי ווערען זיין איבערגעבען צום טראַסט, אלץ שטארקער וועט ער זיין, אלץ טהייערער וועלען אויף דער בערזע ווערען זיינע סערטיפיקייטס, אלץ העכערע, הייסט עס, דיווידענדס (טהייל פראָפיט) וועלען זיי בע־קומען.

נאָר וויכטיגער איז דאָס, וואָס די מעמבערס פון טראַסט קענען ניט איבערטרעטען זיינע רולס. 1טענס, עקזיסטירט דער טראַסט אפי־ציעל, די מעמבערס פערבינדען זיך דורך א פארמאלען קאָנטראקט, און די אָדער יענע קאָמפּאניע קען ניט ארויסטרעטען פון טראַסט, ווען איהר ווילט זיך דאָס. ווארום פאר ברעכען דעם קאָנטראקט וועט איהר דער טראַסט אָנקלאָגען אין קאָורט.

צווייטענס, — און דאָס איז נאָך וויכטיגער, — אלע קאָמפּאניעס פון'ם טראַסט ווערען צוזאמענגעגאָסען אזוי ווי אין איין גרויסע קאָמ־פּאניע מיט פערשיעדענע אבטהיילונגען. יעדע קאָמפּאניע איז זיך, ווי אן אבטהיילונג פון'ם טראַסט און ווערט פערוואלטעט פון דער צענטרא־לער פערוואלטונג פון טראַסט. די צענטראלע פערוואלטונג פון טראַסט איז ערוועהלט פון די טראַסטיעס. און אזוי ווי די טראַסטיעס זיינען דאָך ערוועהלט פון די קאָמפּאניעס, קומט אלזאָ אויס, אז יעדע קאָמ־פּאניע איז פערטרעטען אין דער פערוואלטונג פון טראַסט, וועלכע וויים דארום גאנץ גוט דעם צושטאנד פון יעדער קאָמפּאניע בעזונדער. די פערוואלטונג פון טראַסט רעגולירט די פּראָדוקציאָן. די איינצעלנע קאָמפּאניע וועט שוין ניט זוכען אריינצוכאפּען אָדער אוועקצונעהמען א קאָסטימער ביי אנאנדער קאָמפּאניע, ווי עס פלעגט פּאסירען אין די פּול־צייטען. זי וועט דאָס ניט טהאָן גאָר פּשוט צוליעב דעם, וואָס זי איז שוין ניט קיין בעזונדערע, זעלבסטשטענדיגע קאָמפּאני, זי האָט זיך פערוואנדעלט אין א גליעד פון א גרעסערע קערפּער. זי וועט ניט זוכען צו פּארקויפען מעהר, ווי איהר רעגעלמעסיגע צאָהל איז, דער פּול פלעגט זוכען צו בעשרענקען איין מאנופעקטשורער צו גונסטען דעם צווייטען. דאָ אבער, אין טראַסט אויב עס עקזיסטירט יע אן אָפּמאך וועגען פּארקויפען סחרה איז זי צו גונסטען פאר איהם, פאר דעם בעטרעפענדען מאנופעקטשורער, אָדער פאר דער בעטרעפענדער קאָמ־פּאניע.

דער טראַסט אלזאָ האָט אלע מעלות, וואָס דער פּול, נאָר איז דערביי פריי פון זיינע חסרונות. דער טראַסט און דער פּול האָבען איי־גענטליך איין און דעם זעלבען צוועק. זייער איינציגער צוועק איז איינצוהאמעווען דיא קאָנקורענץ, און טרייבען פרייזען אין דער הויך. ביידע דערגרייכען זיי דיעזען צוועק, אי דער פּול, אי דער טראַסט. נאָר

וועהרענד דער ערשטער מאכט אַף די שטיקעל ארבייט גראָב, סאָל־דאטיש, מאכט האָט דער צווייטער, דער טראַסט, קינסטליכער, עדעלער — און האָט דארום מעהר ערפאָלג. דער פול, צ. ב. ש. זאָגט פראַסט צו די בעזונדערע קאָמפּאניעס: די קאָנקורענץ דערנעהמט אונז ביז׳ן ביין? טא הבה נתחכמו! לאָמיר ניט קאָנקוררירען. לאָמיר יעדער פאר־קויפען נאָר א בעשטימטע מאָס סחורה, דער מארקעט וועט דאן פיהלען א מאנגעל אין סחורה, און די קויפער וועלען זיך ביי אונז בעטען.

אבער אזוי ווי צו פעראייניגען זיך אָדער אריינצוטרעטען אין אב־מאכונגען אום קינסטליך צו העכערען פרייזען איז פון געזעץ פער־באָטען, האָט דער פול ניט געקענט עקזיסטירען.

דער טראַסט אבער פארמאסקירט זיין צוועק, פארשטעלט זיין אבזיכט. ער בעשטעהט גאָר כלומר׳שט ניט פון בעזונדערע קאָמפּאניעס, וואָס זיינען אריינגעטראָטען אין אן אבמאך: דיעזע קאָמפּאניעס זיינען נאָר זיינע אבטהיילונגען. נו, און דער געזעץ קען דאָך ניט פארוועהרען א ביזנעס צו האָבען אבטהיילונגען אין פערשיעדענע ערטער.

דער טראַסט אלזאָ וואָלט זיך געקענט רוהיג עקזיסטירען, ווען ניט דער זעלבער געזעץ. ווי דער טראַסט זאָל ניט פארמאסקירען זיין צוועק, איז דאָך אבער לייכט צו דערקענען זיין אבזיכט צו בעקומען א מאנאפּאָליע אויף׳ן מארקעט און העכערען די פּרייזען. ארום 1890 איז דארום פאָרגעקומען א גאנצע רייהע פּראָצעסען געגען די פער־שיעדענע טראַסטס, און די לעצטע זיינען אונטערדריקט געוואָרען.

3.

„האָלדינג — קאָמפּאניעס"

זיי זיינען אונטערדריקט געוואָרען אָבער בלויז אויף צופלייסען. איינצעלנע קאפּיטאליסטען און פערשיעדענע קאָמפּאניעס האָבען שוין איינגעזעהן, אז וכי טוב, אז טראַסטס זיינען א גוטע זאך פיר זיי, אז ניט זייענדיג פאראייניגט, מוזען זיי זיין אונטערוואָרפען אונטער׳ן יאָך פון דער פרייער קאנקורענץ. דיא טראַסטס אלזאָ האָבען זיך אין דער אמת׳ן ניט אויפגעלעזט. זיי האָבען נאָר ארויפגעוואָרפען אויף זיך א שלייער, כדי דער געזעץ זאָל זיי ניט אזוי לייכט דערקענען. נאטירליך, גאָר ניט צו דערקענען זיי איז אונמעגליך. און דער וואָס וויל, דער־קענט זיי טאקע. אָבער אזוי וויא דער געזעץ געפינט זיך דאָך אין דיא הענט פון אייגענע מענשען, און אויב ניט, קענען דאָך דיא בעלי הבתים פון׳ם טראַסט מאכען, ער זאָל זיך געפינען אין די הענד פון אייגענע מענשען, קומט שוין ממילא אוים, אז דער געזעץ איז ניט אזוי פינקט־ליך און דערקענט איהם טאקע ניט. דיא איינציגע זאך, וואָס דער געזעץ פאָדערט, איז, דאס דיא אונגעזעצליכע זייט פון דיא טראַסטס זאָל ניט אזוי שטעכען דיא אויגען. ווארום דאן האָט ער קיין ברירה

ניט און מוז זיך נעהמען פאר זיי, פאר דיא טראַסטס.

וואָס איז דאָס פאר א שלייער, וואָס דער טראַסט ווארפט אויף זיך ארויף? דער שלייער איז דער נייער נאָמען. דער טראַסט פערוואנדעלט זיך אין א „האָלדינג קאָמפּאני".

א האָלדינג קאָמפּאניע איז אייגענטליך דאס זעלבע, וואָס א טראַסט. דער אונטערשיעד איז נאָר דער, וואָס זיא איז א פלאַקאָמענע אייגענטהימער פון דיא שערס פון דיא פעראייניגטע קאָמפּאניעס. אריינטרעטענדיג אין טראַסט, „פארטרויט" יעדע קאָמפּאניע איהרע שערס (אקציעס) צו דיא טראַסטים (נאמנים) און בעקומט טראַסט־סערטיפיקייטס. דער געזעץ קען זיך דאָ אריינמישען און טענה'ן אז דאָס איז קונקעל־מונקעל ביזנעס. אָבער פארקויפען איהרע שערס קען דאָך דער קאָמפּאניע קיינער ניט פארוועהרען. דיא האָלדינג קאָמפּאני „קויפט" דאָס אָפּ דיא שערס פון דיא איינצעלנע קאָמפּאניעס און פאר דיעזע שערס צאָהלט זיא זעלטען מיט קעש, נאָר הויפּטזעכליך מיט איהרע אייגענע שערס, וועלכע זיא לאָזט מיט דיעזען צוועק ארויס.

אלעס הייסט עס בלייבט, וויא עס איז געווען בעת'ן טראַסט. נאָר אנשטאט צו רופען דיא פּאפּיערלעך, וואָס דיא קאָמפּאניעס בעקומען פאר זייערע שערס „טראַסט־סערטיפיקייטס" רופען זיי זיך יעצט פּראָסט „שערס". דיא פיהרערס, וואָס דיא קאָמפּאניעס ערוועהלען, רופען זיך שוין ניט „טראַסטיעס", נאָר „דירעקטאָרס." דער פערבאנד רופט זיך ניט „טראַסט", נאָר „האָלדינג־קאָמפּאניע" (האָלדינג פון וואָרט האָלד, האַלטען:) דיא האָלדינג־קאָמפּאניע האלט דיא אייגענטהום פון דיא קאָמפּאניעס). דיא קאָמפּאניעס „לעגען ניט איין" מעהר זייערע שערס ביים פערבאנד, נאָר זיי „פארקויפען" איהם זייערע שערס.

אָט דאָס איז דער שלייער. אמת, דער שלייער איז אזא דינער, אזא דורכזעהענדיגער. און דיא ערשטע צייטען פלעגען טאקע דיא האָלדינג קאָמפּאניעס האָבען געגוג שטערונגען. אין פיעלע סטייטס האָט מען ניט געקענט פארשטעהן דעם „אונטערשיעד" צווישען א האָלדינג קאָמפּאניע און א טראַסט, און דער געזעץ האָט פערפאָלגט דיא האָלדינג־קאָמפּאַניעס פונקט וויא דיא טראַסטס.

בעשאפט אָבער גאָט דיא רפואה פאר דיא מכה. דארף זיך מאכען, אז דיא לעדזשיסלייטשור פון ניו דזשוירזי סטייט, האָט אָנגענומען א געזעץ, דאָס יעדע קאָמפּאניע האָט א רעכט אָפּצוקויפען דיא שערס פון פיעלע אנדערע קאָמפּאניעס און בעצאָהלען דערפאר מיט איהר אייגענע שערס. דער געזעץ שטעלט נאָר ארויס אייניגע תנאים, דער וויכטיגס־טער איז, אז דיא הויפּט פערוואלטונג פון דיעזע אָפּגעקויפטע קאָמפּאניעס, זאָל זיך געפינען אין ניו דזשוירזי סטייט.

געניטע מענשען זאָגען אפילו, אז הידים ידי ראקקעפעללער וקאר־נעגיע, עס הייסט, דאס איז ראקקעפעללער'ס, קארנעגיע'ס א שטיקל

אַרבייט. זיי האָבען דאָס בעאיינפלוסט דיא ניו דזשוירזיער געזעצגעבער אנצונעהמען אזא געזעץ. אָבער וויא דיא מעשה זאָל ניט זיין, איז פאַר דיא האָלדינג קאָמפּאַניעס געוואָרען ליהודים.

שטעלט זיך פאָר אז איינינע ניו יאָרקער קאָמפּאַניעס האָבען בעשלאָסען צו פעראייניגען זיך. זאָלען זיי א פּול מאכען? איז ניט פּראקטיש. א טראַסט? לאָזט דער געזעץ ניט. א האָלדינג קאָמפּאַניע? טשעפּעט זיך אויך דער געזעץ. ער טענה'ט, אז דאָס איז דיא זעלבע זאַך, וואָס א טראַסט. נאָר צו וואָס ברעכען א קאָפּ? איהר פאָהרט אריבער מיט דער פעררי דעם נאָרטה ריווער, און איהר זייט שוין אויף דער טערריטאָריע פון ניו דזשוירזי. דאָרטען שרייבט אייך א לאָיער אויף א פּאַפּיערעל, אז איהר גרינדעט א קאָמפּאַניע אום אָפּצוקויפען דיא שערס פון אנדערע קאָמפּאַניעס. איהר בעקומט לייכט א טשאַרטער אויף „ביזנעס“. און אין דעם זעלבען מאָמענט ווערען דיא בעטרעפענדע ניו יאָרקער קאָמפּאַניעס צוזאמענגעשמאָלצען אין א טראַסט, אָדער,, אויב אייך געפעלט בעסער אנאנדער נאָמען, רופט איהר דאָס אַן א האָלדינג קאָמפּאַניע. אי דיא געזעצע פון ניו יאָרק קוקען דאָך אויף א האָלדינג קאָמפּאַניע, וויא אויף א טראַסט? נאָר וואָס קענען זיי נעבעך מאכען, דיא געזעצע? דאָס איז דאָך א ניו דזשוירזיער קאָמפּאַניע, געגרינדעט לויט דיא געזעצע פון ניו דזשוירזי, און א קאָמפּאַניע פון איין סטייט מוז דאָך האָבען א רעכט צו טהאָן ביזנעס, וואו זיא קען נאָר, אפילו אין ניו יאָרק סטייט.

אי דיא געזעצע פון ניו דזשוירזי פאָדערען דאָך, אז דיא פערוואלטונג פון דער גרויסער נייער קאָמפּאַניע זאָל זיין אין ניו דזשוירזי, ניט אין ניו יאָרק, וואו דיא ביזנעס פון דער נייער קאָמפּאַניע געפינט זיך? און דאָס איז דאָך אזוי קאָסטבאַר, אזוי אונבעקוועהם?... גיט מען זיך אָבער אן עצה: דיא פערוואלטונג בלייבט טאקע דאָרטען, אויף אָן אָרט, אין ניו יאָרק, וואו דיא קאָמפּאַניעס פיהרען אָן זייערע ביזנעס. און אום צו בעפריעדיגען דעם „שטרענגען“ געזעץ פון ניו דזשוירזי, דינגט דיא האָלדינג קאָמפּאַני אין א פּאַסייאיק, א בעיאָן אָדער אין אנאנדער קליין שטעדטעל אָדער ווילדזש ערגעץ וואו אין ניו דזשוירזי סטייט א רומקע, הייגגט אויף איבערן טיהר א סיין, אויף וועלכען עס איז אויפגעשריבען: „דיא הויפּט־פערוואלטונג פון דער קאָמפּאַניע... און זעצט דאָרטען אוועק א מענשען, וואָס זאָל היטען דעם סיין — און יוצא!

און מיט דער צייט איז אזא געזעץ אָנגענומען געוואָרען פון דיא לעדזשיסלייטשורס פון פיעלע אנדערע סטייטס אויך, און די פאַרשלייערטע טראַסטס, דיא האָלדינג קאָמפּאַניעס, זיינען שוין זיכער מיט זייער עקזיסטענץ, קענען זיך רוהיג, אונגעשטערט עקזיסטירען, פּרובירען זיך און שטארקען זיך.

און זיי פּרובּירען זיך טאקע און שטארקען זיך!

.4

וועלכע טראָסטס עקזיסטירט יעצט?

מיר האָבען בעשריבען איינע נאָך די אנדערע — פּולס, טראָסטס און האָלדינג קאָמפּאניס. דער לעזער דארף אָבער ניט מיינען, אז דיעזע פעראיינגען פון קאפּיטאל האָבען עקזיסטירט אין בעזונדערע צייטען, איינער נאָכ'ן אנדערען. נאָך מיט יאָהרען צוריק האָבען עקזיסטירט צוזאמען — דער פּול, דער טראָסט און די האָלדינג קאָמפּאני — און עקזיסטירען נאָך יעצט. נאטירליך, דער פּול איז אין גאנצען פערבאָרגען, דער טראָסט בעהאלט זיך אויך. אָבער דאָך עקזיסטירען זיי, אלע ווייסען פון דעם, און פון צייט צו צייט מוז זיך אפילו דער געזעץ נעהמען פאר זייא. היינט דאָ, מאָרגען דאָרטען הויבט זיך אָן א פּראָצעס געגען קאָמפּאניעס פאר זייער בעלאנגען צו א טראָסט.

נעהמט, צ. ב. ש., ראקעפעללער'ס סטענדערד אָיל קאָמפּאני, וואָס האָט פערכאפּט כמעט די גאנצע אָיל ביזנעס פון לאנד. וואָס איז זי? א פּול, א טראָסט, א האָלדינג קאָמפּאני? קיין זאך בעזונדער, נאָר אלע זאכען צוזאמען. אין ניו דזשוירזי איז זיא א האָלדינג קאָמפּאני. א בעווייז? זיא רעגט דאָך ערגעץ וואו א רומקע, אויף וועלכער עס היינגט א סיין.... אין אנדערע ערטער איז זיא א טראָסט, ווארום עס איז פאר קיינעם קיין סוד ניט, דאס אין 1892, ווען די רעגיערונג האָט אויפגעלעזט דעם אָיל־טראָסט, האָט ער, דער טראָסט הייסט עס, נאָר געמאכט דעם אנשטעל, אז ער קערט די שערס אום צוריק צו די קאָמפּאניעס פון וועלכע ער איז בעשטאנען. דעם גרעסטען טהייל שערס האָבען די ברידער ראקעפעללער און זייערע פריינד געלאָזען ביי זיך, און האָבען אלזאָ אונלעגאל אויך ווייטער אנגעפיהרט דעם טראָסט. און דאָ ניט לאנג, אין דער צייט פון פּרעזידענט טעפט'ס קעמפּיין, האָט זיך דאס ברייטע פּובליקום דערוואוסט, אז די אָיל־ביזנעס פון אָקלאהאָמא סטייט, געפינט זיך אונטער'ן איינפלוס פון סטענדערד אָיל קאָמפּאני. דאָ האָבען מיר צו טהאָן הייסט עס מיט א פּול.

די סטענדערד אָיל קאָמפּאני אלזאָ איז א כל בו'ניצע: א פּול, א טראָסט, א האָלדינג קאָמפּאני — וויא און וואו עס לוינט זיך איהר. פּונקט וויא זיא פיהרט זיך אין פּאליטיקס: דאָ האלט זיא מיט די רעפּובליקאנער, דאָרטען טרעט זיא ארויס אונטער א דעמאָקראטישע מאסקע, און אין דריטע ערטער — ווער ווייס? שטיצט זיא אפשר די פּראָהיביציאָניסטען און אנדערע רעפאָרמער. וויא און וואו עס לוינט זיך איהר.

אז די פּולס און די טראַסטס זיינען נאָך ניט אויסגעראָטען געוואָרען און עקזיסטירען נאָך ביז היינטיגען טאָג, קען מען זעהן פון דער גרויסער צאָהל פּראָצעסען, וואָס דיא אטטאָרני דזשענעראלס (פּראָקוראָרען) פון פערשיעדענע סטייטס פיהרען געגען פיעלע קאָמפּאניעס. מען דארף דאָ נעהמען אין אנבעטראכט, דאס דיא אטטאָרני דזשענעראלס זיינען דאָך „אייגענע" מענשען, זיי בעלאנגען צו דער רעפּובליקאנישער אָדער דעמאָקראטישער פּארטיי, עס הייסט צו קאפּיטאליסטישע פּאר־טייען. מען קען זיך שוין פאָרשטעלען, וואָס פאר „אינטערעסאנטע" זאכען מיר וואָלטען זיך דערוואוסט, ווען אויף דיא פּלעצער פון דיא אטטאָרני דזשענעראלס וואָלטען געזעסען אמת'ע פאָלק'ס־פערטרעטער, אמת'ע פיינד פון קאפּיטאל!

וויא גרינדעט זיך א טראַסט?

אין פּלוק קען מען מיינען, אז וויא באלד דיא קאפּיטאליסטען ליידען אזוי פיעל פון דער פרייער קאנקורענץ, וויבאלד זיי גארען אזוי נאָך מיטלען איינצוהאמעווען דיא קאנקורענץ, דארף דאָך ניט זיין קיין גרינגערע זאך, וויא צו פעראייניגען זיך אין א טראַסט. אונטער'ן וואָרט טראַסט פערשטעהען מיר דאָ און אויך ווייטער ניט דוקא א טראַסט, נאָר אויך א פּול, א האָלדינג קאָמפּאני — אין אלגעמיין א פעראיין פון קאפּיטאל.

אין דער ווירקליכקייט אָבער קומט דיא געבורט פון א טראַסט פאָר מיט דיא שוועריגקייטען פון קריעת ים סוף. דיא אורזאכע דערפון איז טאקע דיא זעלבע קאנקורענץ, דיא קנאה, דער אונצוטרוי פון דיא קאָמפּאניעס איינע צו דיא אנדערע. איינע טרויט ניט דער צווייטער, יעדערער דאכט זיך, אז דיא אנדערע נארט איהר. יעדע דינגט זיך, שטעלט אָפּט אונמעגליכע בעדינגונגען.

ווען א קאָמפּאניע טרעט אריין אין א טראַסט אָדער אין א האָל־דינג קאָמפּאניע, בעקומט זיא טראַסט סערטיפיקייטס אָדער שערס אויף א געוויסע סומע, וויא פיעל איהר ביזנעס בעטרעפט. וויפיעל בעטרעפט איהר ביזנעס? דאָס דארפען שוין אלע קאָמפּאניעס, וואָס געהען זיך פעראייניגען, אָפּשאצען. און דאָ הויבט זיך אָן דיא הויפּט־שוועריגקייט: מיט וועלכע מאָס זאָל מען מעסטען דעם ווערטה פון דיא ביזנעס פון דער אָדער יענער קאָמפּאניע?

לאָמיר וויעדער נעהמען דיא צוקער קאָמפּאניעס אלס א ביישפּיעל. דיא סיינט־לואיזער קאָמפּאניע האָט א פּלענט (פעקטאָרי, מאשינען, א. ז. וו.) וואָס קען בעטרעפען 300,000 דאלאר, דורכ'ן יאָהר מאכט זיא ביזנעס אויף א מיליאָן דאלאר און ריינע פּראָפיט אין יאָהר האָט זיא 100,000 דאלאר. דיא צוקער קאָמפּאניע פון שיקאגאָ האָט אויך אזא פּלענט, מאכט אויך אזוי פיעל ביזנעס, נאָר איהר יעהרליכער פּראָ־פיט איז 200,000 דאלאר. דיא באָסטענער קאָמפּאניע האָט אזא פּלענט,

אזא פּראָפיט וויא דיא ערשטע, נאָר זיא מאכט ביזנעס אויף אַנדער־האלבען מיליאָן דאלאר דורכ'ן יאָהר. א פילאדעלפיער קאָמפּאניע האָט אויך אזא פּראָפיט און מאכט אזוי פיעל ביזנעס דורכ'ן יאָהר, וויא דיא ערשטע, נאָר איהר פּלענט איז אן אלט־מאָדישער, דיא מאשינען זיינען פון אן אלטען סטייל, וואָס ווערען שוין וועניג געברויכט. א פינפטע קאָמפּאניע אין באלטימאָר, איז אין אלע איינצעלהייטען גלייך מיט דער ערשטער, נאָר זיא איז אן אלטע, איינגעפונדעוועטע, אלעמען בע־קאנטע ביזנעס. א. ז. וו., א. ז. וו.

נו, מיט וואָס פאר א מאָס זאָלען זיי מעסטען דעם ווערטה פון דער ביזנעס פון יעדער קאָמפּאניע? דער סט. לואיזער וויל, מען זאָל מעסטען מיט'ן ווערטה פון דיא פּלענטס. דער קאליפאָרניער פאָדערט, אז אלס א מאָס זאָל מען נעהמען דיא גרויס פון'ם פּראָפיט. אויב אזוי אלזאָ, האָט ער א רעכט אויף צוויי מאָל אזוי פיעל שערס, וויא דער סט. לו־איזער, דער באָסטאָנער טענה'ט, אז דיא יעהרליכע ביזנעס דארף דיענען אלס א מאָס, דער פאר קומט איהר מעהר שערס וויא דעם שי־קאגאָער. דער פילאדעלפיער וויעדער פערלאנגט, דאָס מען זאָל זיין אלט־סטיילישען פּלענט אָפּשאצען, וויא א היינט־מאָדישען. דער באל־טימאָרער דענקט, דאס אזוי וויא זיין ביזנעס איז שוין אן אלטע, גוט־איינגעפונדעוועטע ביזנעס, האָט זיא א פערהעלטניסמעסיג גרעסערען ווערטה, וויא דיא ביזנעס פון אנדערע. ער מאנט דארום מען זאָל נעהמען אלס א מאָס אויך דעם „גוד־וויל“, דיא רעפּוטאציאָן, דעם שם פון דיא ביזנעס, א. ז. וו.

אלזאָ וואָס נעהמט מען דאָ פאר א מאָס? וואָס פאר א מאָס מען זאָל דאָ ניט נעהמען, וועלען בלייבען אונצופריעדענע. יעדע קאָמ־פּאניע וועט געוויס מיינען, אז די איבריגע מאכען א פערשווערונג געגען איהר, שאצען צו הויך דעם ווערטה פון ז יי ע ר ביזנעס און מאכען צו קליין א י ה ר ביזנעס. זיא וועט זיך צוריקהאלטען פון טראָסט אום ניט רואינירט צו ווערען פון דיא איבריגע קאָמפּאניעס.

אמאָל מאכט זיך, אז ווען דיא קאָמפּאניעס קענען ניט דורכקומען מיט גוטען, מוזען זיי דורכקומען מיט בייזען. אויב צווישען דיא צוקער־קאָמפּאניעס איז דאָ איינע, א שטארקע, פאר וועלכע אנדערע האָבען גרויס דרך ארץ, וועלכע איז אימשטאנדע יעדע פון דיא איב־ריגע צו צושפּארען צום וואנד, דאן איז עטוואָס אנדערס: דאן צווינגט זיא איין קאָמפּאניע נאָך דער אנדערער איהר נאָכצוגעבען און אריינ־צוטרעטען אין'ם טראָסט אויף די בעדינגונגען וועלכע זי שטעלט, יענע מעגען זיך ברעקלען, צאפּלען, בריקען זיך — אָבער זיי האָבען קיין ברירה ניט. אָט וויא עס איז צ. ב. ש., צוגעגאנגען ביים גרינדען דיא „יונייטעד סטייטס סטיעל קאָרפּאריישאָן“, דעם טראָסט פון דיא אמע־ריקאנער סטיעל טראָסטס. קארנעגי'ס סטיעל טראָסט איז געווען דער

רייכסטער און דער שטארקסטער, ער האָט אריינגעכאַפּט אין זיינע הענד כמעט אלע צווייגען פון דער סטיעל־אינדוסטריע, אייזען מיינס, פּראָ־דוקציאָן פון סטיעל, פון ריילס, א. ז. וו. דיא איבריגע סטיעל טראַסטס האָבען ניט געקענט בייסטעהען דיא קאָנקורענץ געגען איהם און האָבען ווילענדיג ניט ווילענדיג איינגעשטימט אריינצוטרעטען אין אן אלגע־מיינעם טראַסט — אין דיא יונייטעד סטייטס סטיעל קאָרפּאריישאָן.

און אזוי האנדעלט דיא סטענדערד אָיל קאָמפּאני, אין אָיל־ביזנעס. וויא היסגען, הוירסט'ס קאנדידאט פאר פּרעזידענט פון דער אינדע־פּענדענט פּארטי אין דיא לעצטע פּרעזידענשאל עלעקשאָנס, דערצעהלט, שטעלען זיך דיא ראקעפעלערס ניט אָפּ פאר קיינע מיטלען, אום נאָר דיא זעלבסטשטענדיגע אָיל־מאנופעקטשורערס, אָדער אָיל־קאָמפּאניעס אריינצושלעפּען אין זייער פערהאסטען טראַסט.

ווען צווישען אונזערע צוקער קאָמפּאניעס זאָל זיך געפינען איינע, וועלכע איז פערהעלטניסמעסיג שטארקער, וויא דיא איבריגע, קען זיא זיי צווינגען איינציג־ווייז אריינצוטרעטען אין צוקער־טראַסט. וויא אָבער אז אזא איז ניטאָ, אלע קאָמפּאניעס זיינען כמעט גלייכע, און קיינע איז ניט אימשטאנדע צו צווינגען דיא אנדערע? דאן איז טאקע שלעכט. דאן וועלען זיי זיך דינגען, דינגען אָהן א שיער און אָהן אן ערך, און צו א טאָלק וועלען זיי זעלטען קומען, סיידען עס וועט זיך אריינמישען ד ע ר פּ ר אָ מ אָ ט ע ר.

דער פּראָמאוטער.

דאס וואָרט „פּראָמאוטער" הייסט פּראָגרעס מאכער, ענטוויקלער. דער פּראָמאוטער ענטוויקעלט דיא ביזנעס, העלפט גרינדען גרויסע ביזנעסען, גרויסע קאָרפּאריישאָנס, טראַסטס.

יעדער שטעלט זיך פאָר, אז א פּראָמאוטער מוז אליין זיין א גרוי־סער קאפּיטאליסט, אז ער מוז זיין א ספּעציאליסט אין דער ליין ביזנעס, וואו ער וויל דאָס גרינדען א טראַסט. דאָס איז אָבער א טעות. דער פּראָ־מאוטער אליין קען זיך זיין ווייט ניט קיין מיליאָנער; עס איז אויך ניט נויטיג, ער זאָל פארשטעהן דיא ביזנעס, וועלכע ער וויל דאָס „פּראָמאו־טען". וואָס עס פּאָדערט זיך פון איהם איז—ער זאָל האָבען א וויטזע־הענדע אויג, ער זאָל זיין א פלינקער, דורכגעטריעבענער יונג, א מענש מיט פּלענער, און איבערהויפּט — ער זאָל פערשטעהן, וויא צו „נעהמען" א מענשען.

ווען דער פּראָמאוטער דערגעהט, אז אויף א געוויסען פעלד קען מען מאכען „ביזנעס", אז עס איז דאָ א באָדען צו גרינדען א גרויסע קאָרפּאריישאָן, א טראַסט, נעהמט ער זיך פאר דער „ארבייט". אָבער אזוי וויא ער אליין, איז אָפּט א קנאַפּער ספּעציאליסט, לאדעט ער איין אינזשעניערען און אנדערע סעפּעציאליסטען, וועלכע ארבייטען

אויס פאַר איהם א מעהר אָדער וועניגער גענויען פלאַן וועגען צו־
קינפטיגען טראַסט. האָבענדיג א פלאַן אין די הענד, פאנגט דער פראָמאָו־
טער אָן זיינע פערהאנדלונגען מיט דיא קאָמפּאניעס און דיא איינ־
צעלנע קאפּיטאליסטען, פון וועלכע ער וויל דאָס גרינדען זיין טראַסט.
עס פערשטעהט זיך, אז מיט יעדען פערהאנדעלט ער בעזונדער, אין גע־
היים פון אנדערע, כדי ניט צו געבען זיי קיין מעגליכקייט צוזאמענצוריידען
זיך. פריהער פון אלעם מאָהלט ער זיי אין העללע פארבען א בילד
פון זייערע ליידען. ער דערצעהלט זיי, וויא זיי צאָהלען איבער ביים
איינקויפען רויהע מאטעריאלען; ער בעשרייבט זיי דיא פערפאָלגונגען,
וואָס זיי האָבען אויסצושטעהן פון דיא ארבייטער. ער דערוויזט זיי,
אז זיי זיינען אמת'ע שקלאפען פון דער פרייער קאנקורענץ. מיט איין
וואָרט ער שילדערט זייער לאגע אין אזעלכע פארבען, אז יענע הויבען
אָן בפועל ממש רחמנות צו האָבען אויף זיך אליין, און אויף זייערע
„פארהאָרעוועטע“ פאָאר סענט. ער דערצעהלט זיי ווייטער, אז גאָלד
וואלגערט זיך פשוט אין בלאָטע, אז זיי זיינען אליין שולדיג, וואָס
זיי ווייסען ניט, און ווילען ניט מאכען קיין גאָלדענע געשעפטען.
ער טהיילט זיי מיט זיין פלאַן. נאטירליך, ער הויבט נאָר אויף איין
ווינקעלע פון'ם פאָרהאנג, ער דערצעהלט זיי נאָר דאָס, וואָס איהם לוינט
זיך פאָרלויפיג צו דערצעהלען. און ער דערוויזט זיי, אז ווען זיי זאָל־
לען איהם ערלויבען צוזאמענצושמעלצען זייערע בעזונדערע געשעפטען
וואָלטען זיי געמאכט שטיקער גאָלד. ער דערצעהלט זיי פון דיא גרוי־
סע פראָפיטען, וואָס ער ערוואַרטעט פון זיין קאָרפּאריישאָן, פון דיא
גרויסע דיווידענדס, וואָס זי וועט צאָהלען פאר איהרע שערס. אויף
אזא אופן צורייצט ער ביי זיינע צוהערער דעם אפּעטיט. און ווען
ער האָט זיי שוין גוט „בעאַרבייטעט“, לייגט ער זיי פאָר צו פארקויפען
איהם דיא ביזנעס און בעקומען פאר איהר א טהייל שערס פון זיין
צוקינפטיגער ריעזיגער קאָרפּאריישאָן!

יעצט הויבט זיך אָן דער שווערסטער טהייל פון זיין ארבייט —
בעדינגען זיך מיט יעדען וועגען מקח. דאָ דארף ער אנווענדען אלע
זיינע פעהיגקייטען, און וויסען וויא, מיט וואָס, ווען צו נעהמען:
איינעם ראמט ער איין א סוד, אז זיין פלענט איז שוין צו אלטליך,
און דער אייגענטהימער דארף דארום ניט זיין אזוי געהויבען ביי זיך.
א צווייטען זאָגט ער, אז אלע האָבען איהם שוין פארקויפט זייער ביז־
נעס, און איהם, דעם בעטרעפענדען מאנופעקטשורער, לוינט זיך דאָך
ניט צו לאָזען שטעהן זיין ביזנעס, וויא אן אינזעל אין מיט'ן ים,
ארומגערינגעלט פון פעקטאָרים, וואָס בעלאנגען צו איין ריעזיגען פער־
באנד.

א דריטען גיט ער איבער בסוד, אז דער און דער, דער געניטער
און פעהיגער ביזנעס מאַן, האָט איהם שוין אויך פארקויפט זיין ביז־

נעס, קוואפענדיג זיך אויף דיא גרויסע דיווידענדס.

א פיערטען „נעהמט“ ער מיט אנדערע רייד: „וואָס דארפסטו ציטערען, וויא א בלאט פאר יעדען ווינד, — זאָגט ער צו איהם — חנפ׳נען זיך צו די קאָסטימער, מורא האָבען פאר שלעכטע צייטען, א מעהר פעראייניג זיך מיט דער ריעזיגער קאָרפּאריישאָן, וואָס איך, פּראָמאוטער, גרינדע. זיא וועט דאָך געוויס שטעהן פעסט, זיכער, וויא א שטארקער פעלז, און וועט ניט ציטערען פאר שלעכטע צייטען, פאר קאָנקורענץ, א. ז. וו.

מיט דיא קליינע פישלעך, מיט דיא שוואכערע קאָמפּאניעס און איינצעלנע קאפּיטאליסטען, צערעמאָניעט ער זיך גאָר וועניג. ער זאָגט זיי פּראָסט: ווילסטו דעם פּרייז, טאָ נעהם, און אראָפּ פון מארק, א ניט וועל איך אויסקומען אָהן דיר; שפּעטער וועסטו זיך אליין בעטען ביי מיר, פאר העלפט געלד וועסטו אָנבאָטען דיין פעקטאָרי אָבער עס וועט שוין זיין צו שפּעטלעך....

און אויב וויעדער דעריעניגער מיט וועמען ער פערהאנדעלט, איז א גרויסער העכט, וואָס קען באשטעהן זיין וועלט אָהן דעם טראָסט און זאָגאר געגען דעם טראָסט, וועט שוין דער פּראָמאוטער ניט זשאלעווען, ער וועט זיך ניט אָפּשטעלען פאר קיין פּרייז אום נאָר איהם אריינצוקריעגען. אריינצוקריעגען אזא העכט איז פאר איהם א דאָפּעלטער געווינס. ווען דיעזער גרויסער מאנופעקטשורער זאָל בלייבען אויסען, וועט דאָך דער טראָסט קיין קיום ניט האָבען, איהם וועט דאָך גלייך אויסקומען אָנצופיהרען א ביטערע קאנקורענץ, דיא פּראָפּיטען וועלען דארום זיין אזוי קליין, אז ניט נאָר וועט דער טראָסט ניט קענען צאָהלען קיין דיווידענדס, נאָר וועט נאָך קאם־קאם דעקען דיא אויסגאבען. אויב אלזאָ עס וועט ניט זיין קיין אויסזעהן אויף דיווידענדס, וועט דאָך קיינער ניט וועלען אריינטרעטען אין טראָסט. אויסער דעם, אזא גרויסער מאנופעקטשורער און געניטער ביזנעס מאן וועט דאָך זיין זעהר ניטצליך פאר דיא ביזנעס פון צוקינפטיגען טראָסט. דעריבער וויל איהם דער פּראָמאוטער האָבען אין טראָסט, ניט אנדערש.

דער פּראָמאוטער אלזאָ, האָט שוין אָבגעמאכט און בעדונגען מיט אלע קאָמפּאניעס און איינצעלנע קאפּיטאליסטען.

יעצט דארף מען דאָך בעצאָהלען. אגב דארף מען דאָך האָבען געלד, אי אויף צו עפענען דיא ביזנעס און אי אויף דיא קאָסטען פון רעדזשיסטרירען זיך. (ארויסצוקריגען א טשארטער, אויף מאכען דיא קאָנטראקטען, אויף לאָיערס און זאָ ווייטער, און דער בעל־דבר אליין, דער פּראָמאוטער הייסט עס, איז גאָר א מאָהל טאקע, ניט פאר אייך געדאכט, א מאן אָהן וועלכען עס איז קאפּיטאל. וויא טהוט מען דאָ?

וואו נעהמט דער טראַסט קאפּיטאל?

צו שווער, צו גרינג — אָבער דער טראַסט קריעגט קאפּיטאל. וויא דער רוסישער גלייכוווערטעל זאָגט—זאָל נאָר זיין א בלאָטע, טייוועלס וועלען זיך שוין געפינען. אויף דעם איז דאָ א בערזע אויף דער וועלט, מעקלערס און איבערהויפּט מענשען, וואָס זוכען נאָר א וועג וואו גיך צו פערדיענען א סך געלד. און א טראַסט גיט טאקע א געלעגענהייט צו „מאכען א פּאָאַר דאללאר“.

ווען אלעס איז שוין ביי איהם פערטיג, פאָרט זיך אונזער פּראָמאוטער אוועק קיין ניו דזשוירזי אָדער אין אן אנדער סטייט, וואו די געזעצע געגען קאָרפּאָריישאָנס זיינען ניט אזוי שטריינג, און נעהמט דאָרטען ארויס א טשארטער (אן ערלויבניס, א סיין, לייסענס) אויף א קאָמפּאני. דער פּראָמאוטער האנדעלט שוין ניט אין זיין אייגענעם נאָמען, נאָר אין נאָמען פון דער קאָמפּאני, וואָס איז אָקאָרשט מיט מזל געבאָרען געוואָרען.

דיעזע קאָמפּאניע לאָזט ארויס שערס. א שער הייסט א חלק, א טהייל. יעדער, וואָס קויפט א שער פון דער קאָמפּאני, קויפט, הייסט עס, א חלק, א טהייל, פון דער קאָמפּאניע׳ס פּארמעגען. די קאָמפּאני צ. ב. ש., האָט אָבגעשאצט דעם ווערטה פון איהר ביזנעס, עס הייסט פון די אלע צוקער־פעקטאָרים, וואָס בעלאנגען יעצט צו איהר, אויף 20 מיליאָן דאלאר. און זיא לאָזט ארויס שערס, אָדער וויא מען רופט עס „קאפּיטאל סטאק“, אויף 20 מיליאָן דאלאר. די קאפּיטאל סטאק איז צוטהיילט, לאָמיר זאָגען אויף 200,000 חלקים, אויף 200,000 שערס, יעדע שער צו 100 דאלאר. און דיעזע שערס פערקויפט זיא. די וואָס קויפען אָפּ די שערס, רופען זיך שער־האָלדערס. דער, וואָס קויפט א שער, בעקומט א רעכט אויף א צווייהונדערט טויזענד חלק פון דער קאָמפּאניע׳ס אייגענטהום. אין פאל ווען די קאָמפּאני לייזט זיך אויף, אָדער זיא פארקויפט די ביזנעס, בעקומט דער אייגענטהימער פון איין שער איין צוויי הונדערט טויזענד חלק פון די אויסגעלייזטע סוממע. דער וויעדער, וואָס האלט 2 שערס, האָט א רעכט אויף 2 חלקים, א. ז. וו. דאס זעלבע איז מיט די פּראָפיטען. יעדער שער גיט איהר אייגענטהימער א רעכט אויף א טהייל פּראָפיטען פון דער קאָמפּאני. די קאָמפּאני, צ. ב. ש., געפינט אויס צום ענדע יאָהר, אז זיא האָט געהאט א מיליאָן דאלאר ריינעם פּראָפיט. דיעזער פּראָפיט קען פערנוצט ווערען, אויב די שער־האָלדערס (די אייגענטהימער פון די שערס) ווילען, אויף צו קויפען נייע מאשינען, בויען נייע פעקטאָרים, מאכען וועלכע עס איז אויסבעסערונגען, אָדער סתם צו פארגרעסערען די ביזנעס. אויב זיי ווילען אָבער, ווערט דיעזער פּראָפיט צוטהיילט, — „דיווידעד“, — צווישען די אייגענטהימער פון דער קאָמפּאניע, עס הייסט צווישען די שער־האָלדערס. דער

מיליאָן דאלאר רופט זיך דאן דיווידענדס (פון וואָרט דיווידעד, עס הייסט דער צוטהיילטער פּראָפּיט). דיא דיווידענדס ווערען צוטהיילט צווישען דיא שער־האָלדערס, לויט דיא צאָהל שערס וואָס יעדער האלט. אין אונזער בייספּיעל, ווערט דער מיליאָן דאלאר דיווידענדס צוטהיילט אויף 200,000 חלקים, ווייל דיא קאָמפּאניע האָט ארויסגעלאָזען צוויי הונדערט טויזענד שערס, אויף יעדע שער קומט אויס 5 דאלאר דיווי־דענדס. דער וואָס האָט איין שער, בעקומט 5 דאלאר דיווידענדס; דער וואָס האָט 2 שערס בעקומט 2 מאָהל 5 דאלאר, עס הייסט 10 דאלאר דיווידענדס, א. ז. וו.

דיא קאָמפּאני אַלזאָ פּארקויפט איהרע שערס און אויף אזא אופן בעקומט זיא געלד.

פרעגט זיך וויפיעל קאפיטאל סטאק זאָל זי ארויסלאָזען? אין פלוק קען זיך דאכטען, אז וואָס מעהר איז בעסער. וואָס העכער זיא וועט אָבשאצען דעם ווערטה פון איהר ביזנעס, אלץ מעהר שערס וועט זיא קענען ארויסלאָזען, און אלץ מעהר געלד וועט זיא קענען אויסלייזען. און דער אמת איז, אז יעדע קאָמפּאני טרייעט דאָס טאקע אזוי צו טהאָן, אום וואָס מעהר געלד ארויסצוליפּערען פון „משה'ס" פּאקעטס, עס הייסט פון דעם עולם'ס פּאקעט. נאָר צוויי זאכען שטעהען דאָ דער קאָמפּאני אויפ'ן וועג: ערשטענס, דארף דאָך דיא רעגיערונג געבען אן ערלויבניס אויף דיא סוממע קאפיטאל סטאק, וואָס דיא קאָמפּאניע וויל ארויס־לאָזען. נאָר מיט דער רעגיערונג וואָלט מען שוין קענען וויא עס איז דורכקומען. דיא לייטע וואָס גרינדען א קאָמפּאני, זיינען ניט קיין פּענטס מייקערס, זיי זיינען זעהר נאָהנטע מחותנים מיט דיא פּאלי־טיישענס, מיט דיא געזעץ־געבער, מיט'ן סטייט קאנטראָלער — מיט דער גאנצער רעגיערענדער מאשין. אויסער דעם מאכט דיא קאָמפּא־ני אזא רעכענונג, לויט וועלכער עס קומט גאָר אויס, אז זיא לאָזט ארויס וועניגער סטאק, וויפיעל זיא האָט געדארפט ארויסלאָזען. א קאָמפּאניע האָט למשל, בעקומען אן ערלויבניס פון דער שטאדט צו בויען טראללי־קארס איבער דיא סטריטען. דיא סטריטען בעלאנגען צום פּובליק; דיא שטאדט קען דאָך צוריקנעהמען דיזע ערלויבניס, און טראָץ דעם פאררעכענט דאס דיא קאָמפּאניע פאר אן „אססעט", פאר א ווערטהפאָלעס אייגענטהום, און דיא סומע פון איהר אייגעטהום קומט אלזאָ אויס א סך העכער, וויא אין דער אמת'ן.

אלזאָ מיט דער רעגירונג קען שוין דיא קאָמפּאני, וויא עס איז דורכקומען. בעשטעהט אבער דער עולם ניט בלויז פון „משה'עס". דיא געניטערע אין אזעלכע ביזנעס, וועלכע זיינען בעקאנט מיט הלכות שערס, וועלען ניט קויפען דיא שערס, אָדער זיי וועלען צאָהלען פאר יעדע שער ניט 100 דאללאר, נאָר וויינינער. ווען זיי זעהען איין, אז דיא ביזנעס איז ניט ווערטה מעהר, וויא 20 מילליאָן דאללאר, און

דיא קאמפּאני האט אבגעשאצט אין 40 מיליאן דאללאר, און האט ארויסגעלאזען 400.000 שערס, צו 100 דאללאר יעדע, וועט דער קויפער אדער אין גאנצען צוריקהאלטען זיך פון קויפען שערס, אדער ער וועט אנבאטען 50 דאללאר פאר א שער, ווארום א 400.000 חלק פון 20 מיליאן איז 50 דאללאר, ניט הונדערט.

און נאך א זאך, דער, וואס קויפט א שער, קוואפּעט זיך אויף דיווידענדס: וואס גרעסער דיא ביזנעס איז, אלץ גרעסער זיינען דיא פּראפיטס, אלץ העכער איז דער דיווידענד, וואס דער שער־האלדער בעקומט אויף זיין חלק. אבער דיא ביזנעס ווערט דאך ניט 2 מאל אזוי גרויס דורך דעם, וואס דיא קאמפּאני האט איהר אפּגעשאצט 2 מאל אזוי פיעל, וויא זיא איז אין דער אמת'ן ווערטה. און ווען דיא קאמפּאני האט דאך אבגעשאצט איהר ביזנעס צוויי מאל אזוי פיעל און האט ארויסגעלאזען צוויי מאל אזוי פיעל שערס, וויא פיעל זיא האט גע־דארפט ארויסלאזען, וועט דאך דער פּראפיט צוטהיילט ווערען אויף צוויי מאל אזוי פיעל חלקים, און אויף יעדע שער וועט אויסקומען צוויי מאל אזוי פיעל וויניגער דיווידענדס. ווען דער מיליאן דאלאר פּראפיט וואלט צוטהיילט געווארען אויף 200.000 שערס, וואלט אויף יעדע שער אויסקומען 5 דאללאר דיווידענדס. ווען אבער דיא קאמפּאני האט ארויסגעלאזען 400.000 שערס קומט שוין אויף יעדע שער אויס ניט מעהר, וויא צוויי און א האלב דאללאר. דארום וועט דער קויפער בעסער קויפען א שער פון אנאנדער קאמפּאני, וואו ער וועט בעקומען 5 דאללאר דיווידענדס אויף זיין 100־דאללארדיגע שער, אדער ער וועט אנבאטען אונזער קאמפּאני 50 דאללאר פאר יעדע שער. פאר זיינע 100 דאללאר וועט ער אלזא קויפען 2 שערס, און אזוי וויא אויף יעדע שער קען אויסקומען 2 און א האלב דאללאר, וועט ער פאר זיינע 100 בעקומען זיינע 5 דאללאר א יאהר.

אט דיעזע אורזאכע צווינגען אונזער קאמפּאני איינצוהאלטען איהר צורייצטען אפּפּעטיט. זיא שאצט דארום אפּ איהר ביזנעס אומ־געפעהר נאך איהר ווערטה נאך.

אבער נאך וועלכען ווערטה? דער פּראמאוטער האט זיך מיט יעדער צוקער־קאמפּאני בעדונגען, וויפיעל צו באצאהלען פאר איהר פעקטארי. דיא נייע קאמפּאני, דער טראסט, פארמעגט יעצט אלע פעקטארים, וואס ער האט אפּגעקויפט. און דיא סומע, וואס זיא דארף בעצאהלען, איז דער סך הכל פון דיא אלע פּרייזען, אויף וועלכע דער פּראמאוטער איז דורכגעקומען מיט דיא בעזונדערע קאמפּאניעס און איינצעלנע קאפּיטאליסטען. לאמיר זיך פארשטעלען, אז דיעזער סך הכל בעטרעפט 15 מיליאן דאללאר. דער ווערטה הייסט עס, פון דיא אלע צוקער־פעקטארים איז 15 מיליאן דאללאר. אויב אונזער נייער אקארשט געבארענער טראסט, וועט ארויסלאזען קאפּיטאל סטאק

בלויז אויף 15 מיליאָן דאללאר, טאָ צו וואָס האָט זיך דעם פראמאוטער געלוינט דער גאנצער עסק? פון דיא קאפּיטאל סטאק, וועט ער אויסלייזען 15 מיליאָן דאללאר, וועלכע ער מוז אויסצאָהלען דיא פריהערדיגע אייגענטהימער פון דיא צוקער־פעקטאָרים. און פאר איהם וועט גאָר נישט ניט בלייבען. אומזיסט געדרעהט א מח, געקלעהרט, אומזיסט געהאמפּערט זיך מיט דיא אייגענטהימער פון דיא פעקטאָרים, אומזיסט געדונגען זיך, געבלאָפט, דיא גאל אוועקגעלעגט אויף זיי. דעם טשארטער צו קריגען איז אויך אָנגעקומען מיט גרינגע ווערים. דער „זעהען" זיך מיט דיא נויטיגע מענשען האָט געקאָסט א פיינע פּויטיקע. היינט דיא „ליגעל" עקספּענסעס?

אלזאָ דער טראָסט לאָזט ארויס מעהר קאפּיטאל סטאק, וויא עס בעטרעפט דער דערמאָנטער סך הכל. ער שאצט אָפּ זיין פּראפּערטי ניט נאָך דעם ווערטה נאָך, וואָס זיא האָט פריהער געהאט, ווען זיא איז א צופּיצעלטע געווען אין פיעלע הענד, נאָר נאָך דעם ווערטה נאָך, וואָס זיא האָט יעצט, ווען זיא איז שוין פעראייניגט. בעזונדערע קליינע געשעפטען בעקומען א גרעסערען ווערטה, ווען זיי גיסען זיך צוזאמען אין איין גרויסען געשעפט. דיא בעזונדערע פעקטאָרים פלעגען פריהער אנפיהרען א קאָנקורענץ צווישען זיך; דער טראָסט וועט שוין ניט וויסען פון קאנקורענץ און וועט קענען העכערען דיא פּרייזען. דער טראָסט האָט אויך ווייניגער אָפּיס און פעקטאָרי עקספּענסעס (הוצאות), וויא דיא אלע קאָמפּאניעס האָבען געהאט, ווען זיי זיינען נאָך ניט געווען פעראייניגט. איבערהויפּט איז דאָס ריכטיג, ווען מעהרערע קאָמפּאניעס, וואָס בעלאנגען יעצט צום טראָסט געפינען זיך אין איין און דער זעלבער שטאדט. דער טראָסט פארשפּאָרט דאָ א סך געלד, און דורך דעם בעקומט זיין אייגענטהום א גרעסערען ווערטה. דער טראָסט האָט א מעגליכקייט איינצוקויפען דיא רויהע מאטעריאלען ביליגער, אויף א לענגערען קרעדיט, אויף בעסערע בעדינגונגען, וויא יעדער מאנופעקטשורער בעזונדער גענומען. דער טראָסט קען אויך פּועל'ן ביי דיא אייזענבאהנען זיי זאָלען פיהרען זיין פראכט ביליגער. ער איז דאָך א גרויסער קאָסטימער, און קען דארום סטראשען צו שיקען זיינע סחורות אויף אנאנדער וועג. דיא אייזענבאהן האָט קיין אנדער ברירה ניט, וויא צו „טשארזשען" איהם פראכט אויף יעדען טאָן ביליגער, אָדער צאָהלען איהם „ריבייטס", וויא מיר האָבען שוין אויבען א מאָל ערקלעהרט. אי געבענדיג ריבייט און נעהמענדיג ריבייט, בעגעהן דאָך ביידע, אי דיא אייזענבאהן, אי דער טראָסט, א פערברעכען געגען געזעץ? איז דער תירוץ — האָט איהר ביי זיי א עולה. דיא אייזענבאהן־קאָמפּאניעס און דיא טראָסטס זיינען גענוג שטארק און שרעקען זיך ניט פאר'ן געזעץ איבערהויפּט נאָך דאן, ווען דער געזעץ איז **אונגינסטיג פאר זיי.**

אגב האָט דער טראַסט א מעגליכקייט צו לערנען בלק מיט דיא ארבייטער און צווינגען זיי צו ארבייטען אזעלכע לאנגע שטונדען, פאר אזעלכע שכירות, ביי אזעלכע בעדינגונגען און אומשטענדען, וועלכע עס לוינען זיך נאָר פאר איהם.

דאָס אלעס מאכט, אז דיא אלע פעקטאָרים בעקומען א גרעסערען ווערטה יעצט, ווען זיי ווערען פאראייניגט אין דיא הענד פון איין קארפארייש‏אַן.

אָט נאָך דיעזען נייעם ווערטה שאצט דאָס דער טראַסט אָפּ זיינע ביזנעס, און אויף דיא סוממע, וואָס ער שאצט אָפּ, לאָזט ער ארויס קאפיטאל סטאק (שערס).

אין אונזער ביישפיעל אלזאָ איז דיא מעשה אזוי. פאר אלע פעקטאָרים און פּלענטס, וואָס דער טראַסט האָט אָבגעקויפט, דארף ער בעצאָהלען 15 מיליאָן דאללאר. אבער די פעראייניגטע פּראָפּערטי שאצט ער שוין אָפּ אין א העכערע סוממע, אין 20 מיליאָן דאללאר. עס בעקומט זיך אן אונטערשיעד אויף גאנצע 5 מיליאָן דאללאר! 5 מיליאָן דאללאר קען שוין בעפריעדיגען דעם פּראָמאָוטער פאר זיין מיהע.

נאָר ניט אזוי שיקט זיך, וויא עס רעדט זיך. דער פּראָמאָוטער קען ניט בעקומען דיא גאנצע 5 מיליאָן דאללאר. דער טראַסט האָט ארויסגעלאָזען קאפיטאל סטאק אויף 20 מיליאָן דאללאר. איינפאך גערעדט, ער האָט געלאָזט אָפּדרוקען 200.000 פּאפּיערלעך, אויף יעדער פון וועלכע עס איז אויפגעשריעבען 100 דאללאר. פאָרלויפיג אלזאָ איז דאָס נאָך ניט מעהר, וויא פּאפּיערלעך. אום דער פּראָמאָוטער זאָל בעקומען דיא 5.000.000 דאללאר פּראָפיט, דארף ער פריהער אויסלייזען 20.000.000 דאל. בארע געלד פאר די 200.000 פּאפּיערלעך, וועלכע רופען זיך קאפיטאל סטאק, שערס, אָדער אקציעס.

וואָס טהוט דער טראַסט אהין זיין קאפיטאל סטאק?

צוויי סאָרטען סטאקס: „פּריפּוירד" און קאממאָן".

אונזער טראַסט האָט זיך נאָך אָקאָרשט געגרינדעט, דער עולם האָט נאָך פון איהם ווייניג געהערט. מען ווייס נאָך ניט אויף זיכער, צו וועלען זיינע געשעפטען געהן גוט. און אויסצופארקויפען מיט א מאָל 200.000 שערס איז פאר'ן טראַסט א שווערער ניסעל צו קנאקען. אָבער די פּאפּיערלעך מוז מען דאָך וואָס גיכער אויסברייננגען. דער טראַסט הויבט אָן פון דעם, וואָס ער רעדט איין דיא צוקער-מאַנופעקטשורערס, וואָס האָבען איהם פארקויפט זייערע פעקטאָרים, צו נעהמען סטאק אנשטאָדט קעש. פאר'ן טראַסט איז דאָס זעהר וויכטיג, אז דיא מאַנופעקטשורערס זאָלען ווערען זיינע שער-האָלדערס. זיי זייגען דאָך ביזנעס-לייטע מיט

אן ערפאהרונג אין דיעזער ליין ביזנעס. אלס סטאק־האָלדערס וועלען זיי זיין צוגעבונדען צום טראַסט, זיי וועלען זיין פאראינטערעסירט אין איהם און טהאָן אלעס מעגליכעס אום ער זאָל האָבען א סוקסעס. ווען דער עולם וועט זעהן, אז דיעזע ביזנעס־לייטע זיינען דיא בעלי־הבתים פון טראַסט, וועלען זיי האָבען צו איהם מעהר רעספעקט און צוטרויען, דיא שערס וועלען דעראיבער שטייגען אין פרייז, דאָס איז איינס.

צווייטענס, ווען דיא מאנופעקטשורערס זאָלען וועלען ניט אנ־דערס וויא קעיש, וועט דאָך דער טראַסט מוזען מיט א מאָהל ארויסלאָ־זען גאנצע 150.000 שערס אויף'ן מארקעט. ער וועט מוזען יעדען איינצעלנעם מעניטען אָנבאָטען שערס און אזוי וויא דיא נאָכפראגע אויף זיי איז נאָך קליין, וויל דער טראַסט איז נאָך יונג, און קיינער וויים נאָך ניט אויף זיכער, צו ער וועט קענען צאָהלען גרויסע דיווי־דענדס, — וועט דער פרייז פון דיא שערס שטעהן זעהר ניעדריג.

אלזאָ דער פראָמאוטער, בעסער געזאָגט, דער טראַסט, זוכט איינצורייידען דיא מאנופעקטשורערס צו נעהמען סטאק. אבער דיא מאנופעקטשורערס ווילען פריהער פאר אלעס זיין זיכער מיט זייערע געלד, און מיט דיא איינקינפטע, וואָס בארע קעש וואָלט זיי אריינגעבראכט. דער פראָמאוטער האָט זיי טאקע אין העללע פארבען געשילדערט דיא גלענצענדע געשעפטען, וואָס דער טראַסט וועט מאכען. אָבער זיכער זיינען זיי דאָך ניט. און טאָמער געהן די געשעפטען ניט גוט? און אפשר וועלען זיך אנדערע קאפיטאליסטען פון אנדערע ביזנעס מתקנא זיין אָן די גרויסע פראָפיטען פון'ם טראַסט, און וועלען זיך אויך נעהמען פאר צוקער־ביזנעס? און דורך דעם וועט זיך ווייטער אָנהויבען א ביטערע קאָנקורענץ, און דער טראַסט וועט גאָר צום גרונד געהן? זיי זיינען ווילליג צו נעהמען שערס, אבער דערביי בעוואָרענען זיי זיך, אז אי זייער קרן זאָל זיין גאנץ, און דיא פראָפיטען זאָל זיי זיין פארזיכערט.

און דיא ביידע צדדים שטימען איין אויף אזא פלאן. די 200,000 שערס זאָלען איינגעטהיילט ווערען אין צוויי סאָרטען: אין „פריפוירד" און „קאממאן" סטאָק. מיר בעטען דעם לעזער אום ענטשולדיגונג, וואָס מיר זעצען ניט איבער דיעזע ווערטער אויף אידיש. דיא נעמען „פריפויר" און „קאממאן" זיינען די געוועהנליכסטע ווערטער, וועלכע ווערען געברויכט אין דער בערזע־שפראך, אגב שטויסט איהר זיך אָן דיזע ווערטער אָן, אויף יעדען טריט און שריט, ווען איהר נעהמט נאָר אן ענגלישען פייפער אין האנד. איבריגענס אָט איז דיא בע־דייטונג פון דיא צוויי ווערטער. „קאממאן" הייסט, געוואָהנליכע, פראָסטע, איינפאכע; „פריפוירד" הייסט פריווילעגירטע, יחסן'דיגע, אתה בחרתנו'דיגע. דער, וואָס האלט א פריפוירד שער, איז מעהר

יחסן, וויא דער אייגענטהימער פון א קאממאן שער. צ. ב. ווען ־ער טראַכט ווערט צופאללען, און דיא שער־האַלדערס דארפען זיך צוטהיילען דיא ירושה, ווערט פריהער בעפרידיגט דער אייגענטהימער פון פריפוירד סטאק. אויב נאָך איהם בלייבט נאָך עפּעס וואָס, צוטהיילט מען עס צווישען דיא אייגענטהימער פון קאממאן סטאק. אויב דיא גאנצע ירושה געהט אוועק אויף צובעפרידיגען דיא פריפוירד סטאק־האַלדערס, בלייבען נעבעך דיא קאממאן סטאק־האַלדערס ביי זייערע ווערטהלאָזע פּאפּיערלעך. דאָס זעלבע איז אויך בנוגע צו דיווידענדס. דיא פריפוירד סטאק־האַלדערס בעקומען סטעדי צו 6 אָדער 7 (אָפּ־טער 7) פּראָצענט דיווידענדס אויף יעדע שער. די ביזנעס האָט אפשר קיין פּראָפיט ניט געמאכט דורך|ן יאָהר, מעגליך אז זיא האָט גאָר געהאט א דעפיציט: דעם פריפוירד סטאק האַלדער ארט דאָס ניט, ער מוז בעקומען זיינע 7 דאללאר אויף א שער. און אויב דיא ביזנעס האָט געהאן א גוטען פּראָפיט, בעקומט ער אויסער זיינע 7 דאללאר נאָך איי־ניגע דאללאר אויף יעדע שער. וואָס אָנבעלאנגט דיא קאממאן שער־האַלדערס, איז אזוי: איז עפּעס וואָס עס איז געבליעבען פון דיא פּראָ־פיטען נאָכדעם, וויא מען האָט אויסגעצאָהלט דיא 7 פּראָצענט דיווי־דענדס צו דיא פריפוירד סטאק־האַלדערס, בעקומען זיי אויך וועלכע עס איז דיווידענדס. אויב ווידער עס איז גאָר גישט ניט געבליעבען, איז אויך רעכט: דיא קאממאן סטאק־האַלדערס האָבען קיין ברירה ניט און ווארטען אויף בעסערע צייטען, ווען דיא פּראָפיטען פון טראָסט וועלען זיין אזוי גרויס, אז עס וועט קלעקען ניט נאָר פאר דיא וואָס האָבען דיא פריפוירד סטאק, נאָר אויך פאר דיא בעזיצער פון קאממאן סטאק. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז צו ליעב דיעזע אורזאכען, קאָסט א קאממאן שער א סך ביליגער, וויא א פריפוירד שער.

אין אונזער ביישפּיעל האָט דער טראָסט ארויסגעלאָזען קאפּיטאל סטאק אויף 20,000,000 דאלאר. דיעזע 20,000,000 בעשטעהען פון דיא 15,000,000 דאלאר, וואָס דיא פּלענטס קאָסטען אין דער אמת'ן און פון דיא 5 מיליאָן „מעהר־ווערטה", וואָס דיא פּראָפּערטי האָט בעקומען צוליעב דעם, וואָס זיא איז יעצט קאנצענטרירט. און דיא מאנופעקטשורערס, וואָס האָבען פארקויפט צום טראָסט זייער פּראָ־פּערטי פאר 15,000,000 דאלאר, פאָדערען, אז פון דיא 20 מיליאָן דאלאר קאפּיטאל סטאק, זאָל 15,000,000 דאלאר זיין פריפוירד סטאק. און 5 מיליאָן דאלאר — קאממאָן סטאק. מיט אנדערע ווערטער. פון דיא 200.000 שערס זאָלען 150,000 זיין פריפוירד שערס, און דיא איבריגע 50 טויזענד קאממאָן שערס.

דיא מאנופעקטשורערס האָבען דאָ אזא רעכענונג: ממה נפשך וועט דער טראָסט האָבען אן ערפאָלג איז דאָך געוויס גוט. טאָמער ניט, בלייבט דאָך דיא פּראָפּערטי, וואָס איז אמווייניגסטען ווערטה 15

מילליאָן דאלאר. און אויף 15 מילליאָן דאלאר האָבען זיי דאָך פּריפּוירד סטאק. דאס זעלבע איז בנוגע צו דיווידענדס. וועט דער טראַסט מאכען גלענצענדע געשעפטען, איז דאָך געוויס גוט. טאָמער ניט, וועט ער דאָך יעדענפאלס מאכען ניט ווענינער פּראָפיטען, וויא אין דער צייט, ווען זיין פּראָפּערטי האָט זיך געפונען אין פערשיעדענע הענד. און דיעזע פּראָפיטען וועלען דאָך סאי וויא ארייגפאלען אין זייערע הענד. ווייל זיי האָבען דאָך דיא פּריפּוירד סטאק.

2

„קומולייטיוו סטאק".

נאָר מיט דיא דיווידענדס, זעהט איהר, זיינען זיי פאָרט אין גאנצען ניט זיכער. מאלע וואָס אין ביזנעס טרעפט זיך? דער בעסטער געשעפט איז א מאָל געצוואונגען צו בעגנוגען זיך מיט א זעהר קליינעם פּראָפיט, אָדער בלייבען גאָר אָהן פּראָפיט. א מאָל ווידער מאכט זיך אז די ביזנעס האָט גרויסע ניט גאנץ געריכטע אויסגאבען אָט למשל, עס פאָדערען זיך אָפּט פערבעסערונגען, נייע מאשינען א. ד. גל. אלזאָ דער פּראָפיט געהט גאָר אוועק אויף עקספּענסעס. נאטירליך, דיא פארבעסערונגען פארגרעסערען דיא ביזנעס, מאכען, אז זיא זאָל קענען מיט דער צייט ברייגגען גרעסערע פּראָפיטען. א גוטער ביזנעס מאָן וועט זיך בעסער ענטזאגען פון פּראָפיטען, אבי נאָר צו מאכען דיא נויטיגע ענדערונגען און פערבעסערונגען, און יעדער פון די פריהערדיגע אייגענטהימער, וועגען וועלכע מיר רעדען דאָ יעצט, פלעגט זיך טאקע אזוי פיהרען אין זיין פאבריק. און דערפאר האָט ער איהר טאקע ארויפגעארבייט אזוי.

דאָס איז אָבער געוועזען אין זיין אייגענער ביזנעס, וואו ער איז געוועזען דער איינציגער בעל הבית. אין טראַסט איז ער אָבער ניט דער איינציגער בעל הבית, ער האָט נאָר אין איהם א געוויסען חלק. ער איז דאָרט אויך ניט דער איינציגער בעל דעה, און ער וויל זיך דארום בעסער בעוואָרענען מיט דיא דיווידענדס: ער וויל זיין זיכער, אז אלע יאָהר וועט ער בעקומען זיינע דיווידענדס — צו דער טראַסט וועט דאָס קענען בעהויפּטען אָדער ניט. דער אייגענטהימער וויל פון קיין זאך ניט וויסען, ער פערלאנגט דער טראַסט זאָל איהם ערוב זיין 7 דאלאר דיווידענדס אויף יעדע שער, א ניט נעהמט ער קיין שערס ניט און פאָדערט קעש.

און דער טראַסט איז איהם ערוב. וויא אזוי?

אויב דיא ביזנעס וועט האָבען פּראָפיט, איז דאָך געוויס גוט. דיא שערהאָלדערס וועלען דאן בעקומען דיווידענדס. טאָמער זשע וועט דיא ביזנעס אין פערלויף פון יאָהר ניט מאכען קיין פּראָפיט, אָדער טאָמער וועט דער פּראָפיט אויסגעבראכט ווערען אויף פער־

בעסערונגען, ווען דער טראַסט טאקע דעם יאָהר ניט אויסצאָהלען דיא דיווידענדס, אָבער ער וועט דאָס פערשרייבען אלס א חוב: זיך פערפפליכטען נעקסטען יאָהר אויסצוצאָהלען דיא פּריפּוירד סטאָק־האָלדערס זייערע דיווידענדס. דיא פּריפּוירד סטאק האָלדערס האָבען, צ. ב. ש., צוגענומען דיא אלע 150,000 פּריפּוירד שערס. דער טראַסט איז מחויב צו צאָהלען צו 7 דאלאר דיווידענדס א יאָהר פאר יעדע פון דיעזע שערס. אויב אין א וועלכען עס איז יאָהר, איז ער ניט געווען אימשטאנד אויסצוצאָהלען דיווידענדס, בלייבט ער א בעל חוב אין 150,000 מאָל 7 דאלאר, עס הייסט אויף 1,050,000 דאלאר. דיעזע סומע בלייבט דער טראַסט שולדיג דיא פּריפּוירד סטאק־האָלד־ערס, פּונקט וויא ער וואָלט ביי זיי אנטליהען בארע געלד.

יעצט זיינען שוין דיא אייגענטהימער גוט בעוואָרענט מיט זייערע דיווידענדס. האָט דער טראַסט פּראָפיט, בעקומען זיי דיווידענדס; קען וויעדער דער טראַסט צוליעב א געוויסע אורזאכע ניט צאָהלען קיין דיווידענדס, בלייבט ער זיי שולדיג. אויב נעקסטען יאָהר איז דער טראַסט אויך ניט אימשטאנדע, בלייבט ער שוין שולדיג פאר 2 יאָהר. און אזוי זאמלען זיך, קלייבען זיך אָן דיא דיווידענדס. און ביי דער ערשטער געלעגענהייט נעהמען דיא אייגענטהימער אָפּ גאָר דיא דיווי־דענדס, וואָס האָבען זיך אָנגעקליבען, אָנגעזאמעלט פאר דער צייט, וואָס דער טראַסט האָט ניט געצאָהלט קיין דיווידענדס. ווען דיא סטאק גיט איהר אייגענטהימער א רעכט צו מאָהנען דיא אָנגע־קליעבענע דיווידענדס פאר דיא פריהערע יאָהרען, רופט זיא זיך „קומולייטיוו" סטאק, (פון דעם וואָרט „עקיומיולייט"—זאמלען, אָנ־קלייבען).

דער טראַסט גיט דיא מאַנופעקטשורערס נאָך פיעלע אנדערע פאָרעכטע און פּריווילעגען, וועלכע עס איז דאָ איבעריג צו בעשפּרעכען.

דיא מאַנופעקטשורערס אַלזאָ נעהמען סטאק — פּריפּוירד, קו־מיולייטיוו סטאק, אָבער ניט אויף דער גאַנצער סומע וואָס זיי קומט. דער טראַסט איז געצוואונגען א טהייל חוב אויסצוצאָהלען זיי מיט קעש. דער טראַסט אַלזאָ נויטיגט זיך אין געלד. אגב דארף ער אויך האָבען קעש אום אָנצופיהרען דיא ביזנעס.

3.
סובסקרייבער.

דער טראַסט דארף דאָ אַלזאָ האָבען קעש, און וויל וואָס גיכער פערקויפען דיא שערס, וועלכע עס זיינען נאָך ביי איהם געבליעבען. זאָל ער זיי ארויסלאָזען אויפ'ן מארקעט, וועט ער פאר זיי אויסלייזען זעהר װעניג געלד. ערשטענס, וועט דעם עולם אריינפאלען א חשד, אז דער טראַסט שטעהט ניט אויף א פעסטען באָדען. ווארום ווען

ער וואָלט געווען א ראיעלע זאך, וואָלטען דאָך דיא פריהערדיגע אייגענטהימער צונומען אלע שערס. צווייטענס, וועט דער אנבאָט פון דיא שערס זיין גרויס, און זייער פרייז וועט דארום פאללען. דריטענס, האָט סתם דער עולם פיינט צו קויפען שערס פון א נייער קאָמפּאני איידער זיא האָט זיך נאָך איינגעפונדעוועט. דיא קויפער ווילען אויסווארטען, זעהן, וויא וועט דער טראָסט געהן. דער טראָסט קען אָבער ניט ווארטען. ער דארף שוין האָבען קעש.

אָבער דאָ קומען דעם טראָסט צו הילף דיא זאָגענאנטע סובסקרייבערס. מיר מיינען דאָ חלילה ניט דיא אָרימע סובסקרייבערס פון א „צוקונפט“, א „אידישע ארבייטער וועלט“ דאָס זיינען גאָר אנדערע סובסקרייבערס, וואָס האָבען צו טהאָן מיט מיליאָנען דאללארס. דאָס זיינען ביינקערס, בראוקערס און אנדערע, וואָס מאכען האָלסייל ביזנעס מיט שערס. א סובסקרייבער סובסקרייבט זיך אויף א געוויסע צאָהל שערס און צאָהלט איין דעם אייגענטהימער פון דיא שערס, דעם טראָסט, א טהייל פון דער סומע, וואָס דיעזע שערס בעטרעפען. דער סובסקרייבער „סובסקרייבט“ זיך נאָר אויף דיא שערס, אָבער ער האָט גאָר ניט אין זינען צו פערבלייבען זייער אייגענטהימער. ער איז נאָר אויסען דעם פּראָפּיט. און זיין פּראָפּיט שטאַמט פון דעם, וואָס ער סובסקרייבט זיך אויף דיא שערס פאר א ניעדריגערען פרייז, וויא ער ערוואַרטעט אליין צו בעקומען פאר זיי, ווען ער זאָל זיי אליין דארפען פארקויפען. דער אונטערשיעד אין דעם פרייז וועלכען ער רעכענט צו בעקומען פאר דיא שערס אויף׳ן מארקעט, רופט ער זיין „מארדזשין“ אָדער אין פּראָסטע ווערטער, זיין פּראָפּיט.

דער סובסקרייבער אלזאָ, איז דער פערמיטלער צווישען דעם טראָסט און דעם געלד־מארקעט. אזוי וויא זיין — דעם סובסקרייבערס — פּראָפּיט, בעשטעהט אין דעם „מארדזשין“, אין דעם אונטערשיעד פון דיא צוויי פּרייזען, שינדט ער, נאטירליך דיא הויט פון׳ם טראָסט, און צווינגט איהם אָפּצולאָזען איהם דיא שערס פאר א וואָס ניעדעריגערען פּרייז. אָבער דער טראָסט קען זיך ניט העלפען, ער דארף שוין האָבען קעש, און מוז מרוצה ווערען אויף דעם סובסקרייבער׳ס בעדינגונגען.

דער געשעפט מיט דיא סובסקרייבערס קומט ניט פאָר אזוי איינפאך, נאָר אונז אינטערעסירט דאָ ניט דיא סובסקרייבעריי ביזנעס, נאָר דיא פראגע, וויא אזוי דער טראָסט גיט אויס זיינע שערס און בעקומט פאר זיי קעש.

ווער זשע קויפט דיא שערס?

דיא 200,000 שערס ליעגען שוין מעהר ניט אין דעם פּראָמאו־

טער'ס אייזערנעם סייף. זיי זיינען שוין פערטהיילט: דער גרעסטער טהייל איז פערטהיילט צווישען דיא פריהערדיגע אייגענטהימער פון דיא פאבריקען; א רעכטע ביסעל האָבען דיא סובסקרייבער'ס צונומען; און א געוויסער טהייל איז געבליעבען פאר'ן פראָמאוטער. דיעזע אלע 3 סאָרטען האָלטייל שער־האָלדערס ווילען, נאַטירליך, דאס דער פרייז פון דיא שערס זאָל זיין וואָס העכער. זיי מאכען דארום אָפּ צווישען זיך ניט צו פושען דיא שערס אויפ'ן מארקעט, ניט צו צוריידען יעדען איינעם צו קויפען שערס און ביז א געוויסער צייט ניט ארויסצולאָזען דיא שערס אויפ'ן מארקעט.

אָבער טאקע נאָר ביז א געוויסער צייט. ווײלע דיעזע אלע לייטע קענען ניט זיין קיין שטענדיגע שער־האָלדערס, און זיי מוזען פריהער אָדער שפעטער אויסברייננגען, אויספערקויפען זייערע שערס. וועגען דיא סובסקרייבערס איז דאָך אָפּגערעדט. וואָס איז א סובסקרייבער? אזא מעקלער, א מענש וואָס קויפט מיט'ן איינציגען אבזיכט די שערס, אום זיי וואָס גיכער צו פארקויפען צו אנאנדערען, פאר א העכערען פרייז.

דיא אינטערעסען פון נייעם טראַסט פאָדערען אפילו, אז מיט דיא שערס זאָל מען זיך ניט שטופען עטליכע יאָהר נאָכאנאנד, ביז דער טראָסט וועט זיך שוין שטעלען אויף דיא אייגענע פיס. אָבער וואָס געהט דאָס דעם מעקלער אָן? ער זוכט נור ארויסצוקריגען זיין „מארדזשין". דאס זעלבע איז מיט'ן פראָמאוטער, דעם אמת זאָגענדיג איז דער אָרגאניזאטאָר גאָר ניט פאראינטערעסירט אין דיא ביזנעס פון טראָסט. און ער האָט זיך אין אָנפאנג געמומען פאר דיא גרינדונג פון טראָסט ניט דער פאר וואָס ער איז אויסען געוועזן צו ענטוויקלען דיעזען אָדער יענעם צווייג פון דער אינדוסטריע. ניין, דיא אינדוסטריע האָט ער אין דר'ערד — ער איז אויסען געוועזן נאָר דעם „מארדזשין", דעם אונטערשיעד צווישען דעם ווערטה, וואָס בעזונדערע, צוואָרפענע פארבריקען האָבען, און דעם ווערטה, וואָס זיי קענען האָבען זייענדיג פעראייניגט. ער איז אלזאָ אויסען ניט דעם שדוך, נאָר דיא שדכנות־געלט. דעם שדוך האָט ער שוין צוזאמענגעפּאַרט, ער האָט שוין אפשר אין זינען א נייעם שדוך אין אָן אנדער אינדוסטריע, און דאָ איז ער נאָך ניט פּטור געוואָרען פון דיא פאפיערלעך, וואָס בעדייטען זיין ערשטע שדכנות־געלד.

וואָס אנבעלאנגט די פריהערדיגע אייגענטהימער פון די פּלענטס, איז דאָך זייער ספעציאלנאָסט מאנופעקטשור, און ניט שער־ביזנעס. ניט יעדער פון זיי וויל זיצען מיט צונויפגעלייגטע הענד און בעגנוגען זיך מיט דעם, וואָס צום ענדע יאָהר וועט ער בעקומען צו 7 דאלאר אויף יעדע שער זיינע. אויב עס מאכט זיך איהם א געלעגענהייט צו

עפענען א נייע, גוטע ביזנעס אין אנאנדער ליין, וועט ער דאָס טהאָן. ער דארף דארום האָבען קעש. ער וועט נאטירליך לאָזען ביי זיך א רעכטע ביסעל שערס. פאר וואָס ניט? ער איז דאָך זיכער אי מיט'ן קרן, אי מיט די הויכע דיווידענדס. אָבער א טהייל שערס וועט ער זעהן וויא עס איז אויסצוברייננגען.

על כל פנים, די שערס קומען ענדליך אָן אויפ'ן מארקעט. דער סובסקרייבער און אפילו דער פראָמאוטער מיט די פריהערדיגע אייגענטהימער פון די פלענטס, זיינען ניט אזוי פינקטליך, ווער עס קויפט די שערס — אבי נאָר צו פארקויפען און זעהן זיך מיט קעש. אָבער פאר די ביזנעס גופא, פאר די עקזיסטענץ פון נייעם טראַסט איז ווייט ניט אלץ איינס, ווער עס זיינען די קויפער. ווארום די קויפער פון שערס ווערען דאָך די בעלי בתים פון טראַסט. פאר די ביזנעס איז ווייט ניט דאס זעלבע, צו דער נייער שער־האָלדער איז טאקע פאראינטערעסירט אין די ביזנעס און וויל איהר אוועקשטעלען אויף א פעסטען באָדען, צו ער זוכט נאָר צו מאכען א פאָאר דאלאר פון קויפען און פערקויפען שערס.

ספעקולייטאָרס און אינוועסטאָרס.

עס זיינען פאראן צווייערליי ביזנעס־לייט. איינער טהוט זיין ביזנעס בעטראכט, אויפריכטיג; ער איז פעהיג פאראוים אויסצורעכענען דעם פועל יוצא. ער פערלאָזט זיך ניט אויף זיינע אויבערפלעכליכע איינדריקע, נאָר זוכט גרינדליך אונטער די ביזנעס, איידער ער נעהמט זיך פאר איהר. אזא ביזנעסמאן יאָגט זיך ניט אזוי פיעל נאָך גרויסע פראָפיטען, ווי נאָך זיכערע רעגעלמעסיגע פארדינסטען. אדרבה, ער וועט אמאָל גאָר קוקען מיט פערדאכט אויף אזא ביזנעס, וואָס פארשפרעכט גרויסע גליקען. איהם וועט זיך גלייך דאכטען, אז דאָ איז עפעס ניט גלאַט. און אָפט, זעהר אָפט, האָט ער טאקע קיין טעות ניט אין זיין פערדאכט.

אזעלכע ביזנעס־לייט רופען זיך אינוועסטאָרס. דאָס זיינען די גרויסע, גענייטע, ראיעלע ביזנעס־לייטע און ביזנעס־הייזער.

אנדערע ביזנעס לייטע אָבער זיינען אָפט גאָר אומפעהיג גרינדליך צו בעטראכטען א זאך. זיי טרויען צו פיעל אנאנדערען אויפ'ן וואָרט, און פערלאָזט זיך אויף אויבערפלעכליכע איינדריקע. זיי ווערען בעגייסטערט פון א הויהען פראָפיט, פון א גרויסען ציפער. ווען אויפ'ן סיין פון דער ביזנעס שטעהט מיט גרויסע בוכשטאבען 20,000,000, א צאָהל מיט 7 נולען, ווערען זיי דורכגעדרונגען מיט א גרויסען דרך ארץ פאר דיעזער ביזנעס. אזעלכע ביזנעס לייט פארלאָזען זיך שטענדיג אויף אן „אפשר“. איהר הערט נאָר פון זיי: „און טאָמער יע?“ „לאָמיר ניט פערליערען א טשאנס!“ „אך, איך וועל פרואווען“, א. ד. גל.

דאָס זיינען ספּעקולייטאָרס. „לאָמיר ניט פערליערען קיין טשאַנס!“ איז דיא ביזנעס ראיעל? ווער ווייס? אפשר יע, אפשר ניט. מסתמא איז זיא ראיעל. מיינד יו — 20,000,000 דאָלאַר! 7 פּראָצענט א יאָהר! דאָס איז עפּעס א קלייניגקייט? ע, ברודערקע! לאָמיר פּרובּירען, לאָמיר קויפען! דיא פּרייזען וועלען געוויס שטייגען, און פאַר יעדע שער וועלען מיר בעקומען דאָפּעלט...

אזוי דענקט און האנדעלט דער ספּעקולייטאָר. דער ספּעקולייטאָר זוכט דאָ ניט קיין אָרט, וואו צו אריינצולייגען זיין געלד: זיין אבּזיכט איז ניט צו ווערען קיין שער־האָלדער, נאָר צו כאַפּען דעם „מארדזשין“, דעם אונטערשיעד אין פּרייז, אָדער אויף א ווייל א הויבּען דיווידענד.

דער ספּעקולייטאָר זוכט ניט קיין סטאָק פון ראיעלע, פעסטגעשטעלטע ביזנעס, ווארום דער פּרייז פון אזא סטאָק איז א פעסטגעשטעלטער. ער קען דארום ניט „ספּעקולירען“, קען ניט קויפען צו פארקויפען איהר פאר א העכערען פּרייז. ער זוכט דארום אזעלכע סטאָק, וואו דיא פּרייזען האלטען אין איין שטייגען און פאללען. דאָ האָט ער א מעגליכקייט צו ספּעקולירען. דאָס, וואָס דיא פּרייזען וויגען זיך אהין און אהער, איז א בעוויז, אז דיא ביזנעס איז נאָך ניט אין גאנצען ראיעל. אָבּער דער ספּעקולייטאָר איז ניט פעהיג צו דערטראכטען זיך ביז׳ן סוף; אגב איז ער בעגייסטערט פון דיא „מארדזשינס“ און טאָמער האָט ער יע א חשד אויף דיא ביזנעס, רעכענט ער זיך אויס: מיין באָבּע׳ס דאגות. איך וויל דען בלייבּען ביי דיא שערס? איך וויל נאָר מאכען אָן זיי א פּאָר סענט — און דאן שלאָג איך אָפּ מיט זיי כפּרות.

עס איז לייכט צו זעהן, אז דער אינוועסטאָר וועט זיך ניט רוקען מיט זיינע געלד אין „אונזער“ טראָסט. ער וועט זיך ניט כאַפּען פאר דיא שערס, וואָס דער סובּסקרייבּער און דער פּראָמאוטער לעגען איהם פאָר. דער טראָסט איז נאָך ניי. וועלל, עס קען טאקע זיין, אז דיא קאנצענטרירטע ביזנעס וועט געבּען גרעסערע פּראָפיטען. אָבּער מאלע וואָס עס קען זיך מאכען? אפשר וועט דיא מענעדזשמענט טויגען אויף קלאָגען, אָדער אפשר וועט זיך גרינגדען נאָך א טראָסט אין דער זעלבּער ליין? און אפשר האָט גאָר דיעזע ליין ביזנעס קיין אויסזיכטען ניט אויף א בּעסערע צוקונפט. עס איז עפּעס פערדעכטליך, עפּעס צוגרויסע גליקען פארשפּעכען דער טראָסט. הויכע דיווידענדען, פּריפּוירד און קיומולייטיוו סטאָק. יעדענפאלס מען דארף זיין פּאָרזיכטיג און אויסווארטען.

אונזער טראָסט האָט דאָס נאטירליך, פאָראויסגעזעהן. ער האָט פארשטאנען, אז ער וועט דארפען האָבּען צו טהאָן מיט דיא ספּעקולייטאָרס און האָט זיך צוגעפּאסט צו זיי. ער האָט גלייך ערקלעהרט,

אז ער וועט צאָהלען גרויסע דיווידענדס. ווארום הויכע דיווידענדס איז דער ריכטיגסטער מיטעל, וויא צוצוציהען דעם ספּעקולייטאָר, וויא איהם ארייצוגעבען חשק צו כאַפּען שערס, וויא מצה וואסער.

און ניט נאָר האָט ער זיך שוין צוגעפּאסט: ער מוז זיך שטענדיג צופּאסען צו זיינע שערהאָלדערס, צו דיא ספּעקולייטאָרס. עס איז אוועק א יאָהר. צו דער טראָסט האָט געמאכט גלענצענדע געשעפטען, צי ניט — אָבער צאָהלען הויכע דיווידענדס מוז ער. ווארום זאָל ער ניט צאָהלען, וועלען דיא ספּעקולייטאָרס אויפהויבען א געוואלד, זיי וועלען אָנמאכען טראָבעל. דען זיי זיינען דאָך ניט קיין אינוועסטאָרס, וואָס ווילען ערענסט פּאָראויסזעהן דעם רעזולטאט פון זייערע האנדלונגען, זיי זיינען ניט געוואָרען שער־האָלדערס מיט דער אויסרעכענונג, צו ווארטען ביז דער טראָסט וועט מאכען בעסערע ביזנעס און צאָהלען גרעסערע דיווידענדען. זיי, דיא ספּעקולייטאָרס ווילען פון קיין זאך ניט וויסען — הויכע דיווידענדס, קויפען און פארקויפען גלייך מיט א „מארדזשין"—דאָס איז ביי זיי דיא הויפּט זאך. און זיי וועלען אויך טרייען וואָס גיכער פּטור צו ווערען פון זייערע שערס, דער פּרייז פון דיא שערס וועט דאדורך פּאללען אלץ ניעדריגער, און דער טראָסט קען געהן צום גרונד, איידער וויא ער האָט זיך נאָך אויף דיא פיס געשטעלט. אגב וועלען נאָר מאנכע שער־האָלדערס ניט ווארטען ביז דער טראָסט וועט אליין צום גרונד געהן. וויא נאָר זיי וועלען ניט בעקומען צו דער צייט דיא דיווידענדס, וועלען זיי זיך גלייך ווענדען אין קאורט, דער קאורט וועט איבערגעבען דעם טראָסט אין דיא הענד פון א „רעסיווער", פון אן אפּעקון, מיט איין וואָרט אין פרעמדע הענד. מעגליך, אז דעם טראָסט'ס ביזנעס איז גאָר ניט אזוי שלעכט, ער נויטיגט זיך נאָר אין צייט אום אויסצוקירעווען זיך. דערווייל אָבער פארשפּרייט זיך א קלאנג, אז דער טראָסט האלט שמאָל, קיינער טרויט איהם ניט אויף קרעדיט. פאר א ביזנעס זיינען אזעלכע אומשטענדען געפעהרליך, וויא דער טוידט.

אום אויסצומיידען אזא סוף, מוז זיך דער טראָסט שטענדיג צופּאסען צו דער נאטור פון דיא ספּעקולייטאָרס און צאָהלען זיי אקקוראטנע דיא דיווידענדס. און ניט נאָר דיא פארשפּראָכענע דיווידענדס, נאָר זאָגאר העכערע, אום נאָר דיא ספּעקולייטאָרס איינצוגעבען וואָס מעהר חשק צו „ספּעקולירען" מיט זיינע שערס. אי וואו נעהמט מען געלד? דאָס איז קיין תירוץ ניט: דער טראָסט מוז ארייןקריכען אין חובות, ארויסלאָזען נאָך סטאק, אָדער מאכען אנדערע פערשיעדענע דריידלאך, כאַפּען זיך אפילו פאר א שטרייעלע אום נאָר צופריעדענצושטעלען זיינע נייע בעלי הבתים, דיא ספּעקולייטאָרס. פון פארבעסערונגען, וועגען פערשפּרייטען, פארגרעסערען דיא ביזנעס, קען דאָך שוין גאָר קיין רייד ניט זיין.

לאָמיר זיך אָבער פאָרשטעלען, אז אין פערלויף פון דיעזען יאָהר אָדער האלב־יאָהר, האָט דער טראָסט געמאכט גוטע געשעפטען, און דער באלאנס ווייזט אויף א רעכטען פראָפיט. א ראיעלע ביזנעס וואָלט דיעזען פראָפיט אויסגענוצט אויף נייע מאשינען, אויף נייע פּלענטס. ווארום דיא פּלענטס, וואָס זיא האָט געקויפט ביי פערשיעדענע מאנופעקטשורערס, זיינען דאָך ניט געווען קיין שפּאָגעל נייע; אגב זיינען זיי געווען פון פערשיעדענע סאָרטען, ארבייטען אויף פערשיעדענע אופנים. דיא וויסענשאפט שטעהט אויך ניט אויף אן אָרט, נייע ענטדעקונגען ווערען געמאכט. מיט איין וואָרט — א גוטער ביזנעס־מאן וואָלט זיך אין אזא צייט ניט פארגונען אויסצוגעבען דעם פראָפיט אויף זייטיגע זאכען, אויף דזשולערי פאר זיין פרוי, אויף א טריפּ נאָך יוראָפּ. נאָר ער וואָלט דעם פראָפיט „אריינגעלעגט“ אין געשעפט. אונזער טראָסט פארשטעהט דאָס אויך, אָבער ער קען זיך נעבעך ניט העלפען, ער מוז אויסברייגען דעם פראָפיט אויף דיווידענדס. נו, און נייע מאשינען, נייע פּלענטס? אויף דאָס דארף ער לייען געלד, צאָהלען פּראָצענט, ארויסלאָזען „וואָטערד“ סטאָק, פארגרעסערען אויף אזא אופן דיא צאָהל שערס און מאכען, דאס דער פּרייז פון דיא פריהערדיגע שערס זאָל נאָך פאלען.

„וואָטערד סטאָק“

אין איינע פון דיא פריהערדיגע קאפּיטלעך האָבען מיר בעשפּראָכען דיא פראגע, וויא פיעל קאפּיטאל סטאק, לאָזט דיא קאָמפּאני ארויס. מיר האָבען אנגעוויזען, אז זיא לאָזט ארויס אזוי פיעל קאפּיטאל סטאק, וויפיעל עס בעטרעפט דער ווערטה פון דיא ביזנעס. אין אונזערביישפּיעל, לאָזט דער טראָסט ארויס אויף 20 מיליאָן דאלאר שערס: 15 מיליאָן איז דער ווערטה פון דיא אָבגעקויפטע פּלענטס, און 5 מיליאָן איז דער „מעהר־ווערטה,“ וואָס דיא ביזנעס בעקומט דורך דעם, וואָס זיא ווערט יעצט פעראייניגט. 20 מיליאָן דאלאר איז דער יעצטיגער ווערטה פון דעם טראָסט'ס ביזנעס, און אויף 20 מיליאָן דאלאר לאָזט ער ארויס שערס. דיא קאפּיטאל סטאק דריקט דאָ ריכטיג אויס דעם ווערטה פון דיא ביזנעס.

לאָמיר זיך אָבער פאָרשטעלען, אז דער טראָסט לאָזט ארויס סטאק אויף א גרעסערע סומע, וויא דיא ביזנעס בעטרעפט. דיא ביזנעס בעטרעפט, למשל, 20 מיליאָן, און דער טראָסט לאָזט ארויס אויף 25 מיליאָן דאלאר סטאק, מיט 5 מיליאָן מעהר. דאָס איז דיא זעלבע זאך, וויא דער וויין הענדלער וואָלט אין זיין פאס וויין אָדער דער מילך־מאן אין זיין קאן מילך, אריינגיסען א פינפטעל וואסער. דיא וויין רופען מיר אין אזא פאל אָן פארוואסערטע וויין, דיא מילך — פּאָרוואסערטע מילך. און מיט אזא רעכט קענען מיר דיא

סטאָק אָנגרופען פאַרוואסערטע סטאָק. און מען רופט איהר טאקע פאַרוואסערטע סטאָק — „וואָטערד סטאָק" (וואָטער־וואסער): ווען א קאָמפּאַני לאָזט ארויס מעהר סטאָק וויא איהר ביזנעס בעטרעפט, זאָגט מען, דאס איהר סטאָק איז „וואָטערד סטאָק".

אייגענטליך איז „פאַרוואסערען" סטאָק אזא פאַרברעכען, וויא פאַרוואסערען מילך אָדער וויין. ווארום אין דיאביידע פעללע נארט מען דאָך אָפּ דעם קויפער.

פונדעסטוועגען זעהען מיר, דאס פאַרוואסערען מילך און וויין איז פאַרבאָטען, און אלע זיינען איינשטימיג, אז דאָס איז א פאַרברעכען, וועהרענד פאַרוואסערען סטאָק איז נאָך ניט נאָר ניט פאַרבאָטען, נאָר עס געפינען זיך נאָך לייטע, וועלכע בעהויפּטען, אז וואסערען סטאָק איז א נויטהווענדיגע זאַך.

וואָס פאר א רעה קומט ארויס פון פאַרוואסערען סטאָק? ערשטענס, איז דיא פאַרוואסערונג א רעה פאר'ן טראָסט זעלבסט, ווארום זיא מאכט, דאס עס זאָל פאללען דער פרייז פון אלע שערס, אפילו פון דיעניגע, וועלכע דער טראָסט האָט נאָך פריהער ארויסגעלאָזען. דאָס איז אן אונרעכט צו דיא זייטיגע שער־האָלדערס, וועלכע האָבען געקויפט שערס בלויז אויף צו פאַרקויפען. נאָר דאָס וואָלט נאָך ניט אזוי אויס־געמאכט, ווארום, ווער הייסט זיי קריכען אין פייער? ערגער איז אָבער דאָס, וואָס עס פאללט דערביי דער קרעדיט פון דער ביזנעס. שטעלט זיך פאָר, אז א ביזנעסמאן גיט ארויס וועקסלען אויף א גרעסערע סומע וויפיעל ער פאַרמאָגט. דער עולם האלט איהם דאן פאר א קליינעם בעל בטוח, און גיט פאר זיינעם א וועקסעל נאָר א טהייל פון דער סומע וואָס שטעהט אויף איהם אָנגעשריעבען. דאס זעלבע איז דאָ מיט דיא קאפּיטאל סטאָק. ווארום וואָס איז אייגענטליך קאפּיטאל סטאָק? דאס איז א מין וועקסלען פון'ם טראָסט. „פאַרוואסערענדיג" דיא סטאָק האָט דער טראָסט פערגרעסערט דיא צאָהל פון זיינע וועקסלען, יעצט האָט ער שוין ארויסגעגעבען וועקסלען אויף א גרעסערע סוממע, וויא ער פאַרמאָגט — און דער עולם האלט איהם שוין פאר א קלענערע בעל בטוח.

צווייטענס, איז דאָס א רעה פאר דיא ארבייטער פון טראָסט ווארום פאַרוואסערענדיג זיינע שערס, פאַרגרעסערט דאָך דער טראָסט דיא צאָהל שערס; פאר א גרעסערע צאָהל שערס מוז ער דאָך יעהרליך אויסברייננגען א גרעסערע סוממע אויף דיווידענדס. וואו זשע נעהמט מען? איז ר' יעקב מישלם, דארף מען ביים ארבייטער אראָפּרייסען דיא ווידזשעס. דער טראָסט ווייזט די ארבייטער א „קלאָהרען" חשבון: ווען ער וועט צאָהלען הויכע ווידזשעס, וועט דאָך דער געשעפט ניט קענען צאָהלען די שער־האָלדערס קיין דיווידענדס. אָבער דיווידענדס מוז ער דאָך צאָהלען, א ניט געהט ארויס א קלאַנג, אז ער האלט שמאָל, און

פאַלגליך וועלען זיינע ביזנעס דערפון ליידען, און זיי, דיא ארבייטער קענען דערביי בלייבען אָהן ארבייט...

דריטענס, איז דיא פערוואסערונג א ראה פאר'ן ברייטען פובליקום, וואָס נוצט און קויפט דעם טראַסט'ס סחורות. גאָר איינפאך דערפאר, וואָס דער טראַסט העכערט דיא פרייזען אום צו צאָהלען מעהר ריווידענדס. עס קומט אַלזאָ אויס אז יעדע „פערוואסערונג" לעגט ארויף א נייע לאסט אויף'ן פובליקום.

דער טראַסט וויל זיך, נאטירליך, ניט איינרייסען מיט'ן ברייטען עולם, מיט דער געזעלשאפטליכער מיינונג. ער זאָגט ניט: צאָהלט טהייערער, ווייל איך בין געוואָרען א גרעסערע בעל הוצאה אויף דיווידענדס: ער מאכט דאָס אויף אן עדעלען אופן, אשטייגער חזיר פיסעל כשר. ער טענה'ט, אז ער קען ניט צאָהלען דיא זעלבע וויידזשעס זיינע ארבייטער אָבער אזוי וויא דיא לאגע פון דיא ארבייטער נעבעך איז סאי וויא ניט אי־אי־אי, און אראָפרייסען זיי פון דיא וויידזשעס דערלאָזט איהם זיין טראַסטישע הארץ ניט, איז ער געצוואונגען צו העכערען דיא פרייזען.

אז דאָס איז אזוי, האָבען מיר דאָ ניט לאנג געהאט א געלעגענהייט זיך צו איבערצייגען. עס איז א פעסט־געשטעלטער פאקט, אז די רייל־ראוד קאָמפאניעס האָבען א סך פארוואסערטע סטאָק. זיי וואסערן אויף וואָס דיא וועלט שטעהט. זיי לאָזען ארויס שערס ניט נאָר אויף סומען פון דער פראפערטי, וואָס בעלאנגט צו זיי נאָר זאָגאר אויף פרעמדע פראפערטי. דיא רעגירונג, צ. ב. ש., גיט זיי א וועלכען עס איז פרענטשייז (א רעכט, א פריוולעגיע) אויף א שטיק לאנד. זיא גיט זיי בלויז א רעכט צו בענוצען זיך מיט איהר, און דאס אויך אָפט נאָר אויף א בעשטימטע צייט. און דערביי זיינען זיי מחויב צו צאָהלען רענט. יעדער ווייס, אז דיא שטיק לאנד איז ניט זייערע, זיא בלייבט דאָס אייגענטהום פון פאָלק. און דאָך ערלויבט זיך דיא רייל־ראוד קאָמפאניעס ארויסצולאָזען א געוויסע צאָהל שערס אויף'ן סמך פון דיעזער „פראפערטי", אזוי וויא זיא וואָלט געווען זייער אייגענטהום.

דיא רייל־ראודס אַלזאָ האָבען צו צאָהלען פיעל דיווידענדס. נו, האָבען זיי פאר־א־יאָהרען זומער אויפגעהויבען א בעוועגונג איבער'ן לאנד מען זאָל זיי ערלויבען אויף 10 פראָצענט צו העכערען דיא פרייזען פאר פיהרען פראכט. און אלס אורזאכע האָבען זיי אָנגעגעבען, דאָס זיי ווילען ניט און קענען ניט אראָפרייסען פון דעם ארבייטער'ס וויידזשעס... אינטערעסאנטער פון אלעם איז געווען, וואָס דיא ארבייטער גופא האָבען זיך געלאָזט איינריידען אזא שווינדעל און האָבען וויא צוגעשטימט מיט דיא בעהויפטונגען פון דיא רייל־ראוד קאָמפאניעס.

דיא פינאנציעלע לאגע פון דיא טראָסטס.

אין דיא לעצטע קאפּיטלעך האָבען מיר געוויזען, אז פריהער אָדער שפּעטער פאלט דער טראָסט אריין אין דיא הענד פון ספּעקולייטאָרס. דיא ספּעקולייטאָרס זיינען וועניג פאראינטערעסירט אין דער ביזנעס פון'ם טראָסט; זיי קימערען זיך נאָר וועגען דיווידענדס און זוכען נאָר „מארדזשינס", פּראָפיטען. זיי זיינען מעהר פארטהאָן אויף דער בערזע, וויא אין דיא ביזנעס. דיא פּראָפיטען צוטהיילען זיי צווישען זיך, און דיא ביזנעס בלייבט אָהן געלד. אום אָבער צו פיהרען דיא ביזנעס, באָרגען זיי געלד אויף הויכע פּראָצענטען: צו דעקען דיא פּראָצענטען, פארוואסערען דיא ספּעקולייטאָרס דיא סטאָק, לעגען ארויף אויף'ן טראָסט א נייע לאסט, נייע דיווידענדס צו צאָהלען. און דיא דיווידענדס מוז דער טראָסט צאָהלען, ווארום דיא שערס זיינען פּריפוירד קומולייטיוו. טאָמער קען ער יעצט ניט צאָהלען, וועט ער מוזען שפּעטער צאָהלען. און אויב דיא ספּעקולייטאָרס ווילען ניט ווארטען אויף דער צייט, ווען דער טראָסט וועט אימשטאנדע זיין אויסצוצאָהלען דיווידענדס, וועלען זיי נאָך א מאָל פארוואסערען דיא סטאָק, און דיא אויסגעלעזטע געלד וועלען זיי צוטהיילען צווישען זיך, אלס אנגעקליעבענע דיווידענדס, א. ז. וו., א. ז. וו.

דיא טראָסטס שטעהען דארום זעהר זעלטען אויף א פעסטען פינאנציעלען באָדען.

צו בעשטעטיגען דיעזע מיינונג וועלען מיר בריינגען א פּאָאר — אָבער טאקע ניט מעהר, וויא א פּאָאר — אינטערעסאנטע ציפערען. נאָר פריהער איינינע ווערטער אום דער לעזער זאָל פערשטעהן דיא בעדייטונג פון דיעזע ציפערען.

וואָס איז דער סימן פון א גוט שטעהענדע ביזנעס? דער צוטרויען צו איהר. ווען דער עולם נעהמט גערן אָן א ביזנעס מאן'ס וועקסעל, איז דאס דער בעסטער סימן, אז דער עולם האָט צו איהם צוטרויען, און דיעזער צוטרויען וויעדער איז א צייכען, אז דעם ביזנעס־מאן'ס געשעפט איז ראיעל און געהט, וויא געהעריג איז. ווען אָבער, איהר ווילליגט איין צו נעהמען איינעמ'ס א וועקסעל נאָר דאן, ווען אין איהם, אין'ם וועקסעל איז איינגעשריעבען א גרעסערע סומע, וויא דער ביזנעס־מאן איז אייך אין דער אמת'ן שולדיג, איז דאָס א גוטער סימן, אז דער ביזנעס־מאן איז ניט קיין גרויסער בעל בטוח, אז זיין ביזנעס שטעהט ניט אויף א פעסטען באָדען.

אלזאָ דער פּרייז, וואָס מען לעגט פּאָר פּאר א ביזנעס־מאן'ס וועקסעל, ווייזט ריכטיג, אין וועלכען צושטאנד געפינט זיך דיא ביזנעס פון דעם בעטרעפענדען ביזנעס מאן.

דיא שערס, וויא מיר האָבען שוין אויבען בעמערקט, זיינען דעם טראַסט'ס וועקסלען. דיא פּרייזען פון דיא שערס שפּיגלען דארום אָפּ דעם פינאנציעלען צושטאנד פון'ם טראַסט.

צווישען 1899 און 1902 האָבען זיך געגרינדעט 21 גרויסע אינ־דוסטריעלע טראַסטס (אויסער רייל־ראודס). דעם 31. דעצעמבער 1902 האָט מען אויף דער ניו יאָרקער בערזע געצאָהלט פאר דיא פּריפּוירד סטאק פון דיעזע טראַסטס דורכשניטליך צו 73,7 דאלאר פאר א שער. דער דורכשניטליכער פּרייז פון דיא קאממאָן סטאק איז געווען 36.7 דאלער. דיא פּריפּוירד שערס, וויא דער לעזער געדענקט, שטעלען פאָר דעם קרן פון דיא ביזנעס, דעם ווערטה פון דיא פּלענטס, מאשינערי, א. ז. וו. ווען דער עולם צאָהלט אנשטאדט 100 דאלאר מעהר ניט ווי 73.7 דאלאר, ווייזט דאָך דאָס, אז ער שאצט יעצט דעם ווערטה פון דיא פּלענטס מיט 26.3 דאלאר אויף יעדער 100 דאלאר וועניגער, מיט אנדערע ווערטער — מיט 26.3 פּראָצענט ביליגער. אנשטאט דעם, וואָס דורך קאנצענטראציאָן (פּעראייניגונג) האָט דער ווערטה פון דיא פּלענטס געדארפט העכער ווערען, איז ער גאָר פארקלענערט געוואָרען אויף 26.3 פּראָצענט.

קאממאָן שערס, וויא מיר האָבען אויבען ערקלעהרט, לאָזט דער טראַסט ארויס אויף א סוממע, וויפיעל עס בעטרעפט, לויט זיין רעכע־נונג דער אונטערשיעד אין ווערטה, וואָס דיא ביזנעס האָט געהאט אין דער צייט פון קאנקורענץ און יעצט, ווען זיא איז פעראייניגט. מיט אנדערע ווערטער, דיא קאממאָן שערס ווייזען דיא „אוירנינגס", דיא פּערדינסטען, וועלכע דער טראַסט רעכענט צו האָבען. ווען דיא קאממאָן שערס וואָלטען זיך פארקויפען „עט פּאר", עס הייסט אויף גלייך, אויף דיא זעלבע סומע, וואָס עס איז אויף איהר אנגעשריעבען (100ד.), וואָלט דאָס בעדייטען, אז דער טראַסט האָט קיין טעות ניט געהאט אין חשבון. ווען אָבער אנשטאט 100 דאלאר גיט מען פאר איהר 90 דאלאר, הייסט עס, אז דער טראַסט האָט איבערגעכאַפּט דיא מאָס אויף 10 פּראָצענט. אז מען גיט אָבער פאר איהר אין גאנצען 36.7 דאלאר, עטוואָס מעהר וויא א דריטעל, ווייזט דאָך דאָס, אז דער טראַסט האָט גאָר קליינע פּארדינסטען, בלויז א דריט־חלק פון דעם, וואָס ער האָט געקענט ערווארטען. דאָס ווידער ווייזט, אז דיא טראַסטס זיינען א דורכפאלל.

נאָר פון 1899 ביז 1902 איז אין סך הכל 3 יאָהר. מעגליך, דאס 3 יאָהר איז א צו קורצע צייט, אז א טראַסט זאָל זיך שטעלען אויף דיא פיס. אין דעם בערזע־בולעטין פון 31טען דעצעמבער 1908 האָבען מיר אויסגעזוכט 16 (מעהר האָבען מיר ניט געפונען: משמעות דיא איבריגע 5 האָבען זיך „משנה השם" געווען) פון יענע אינדוסטריעלע

טראַסטס. עס ווייזט זיך ארויס, אז דעם 31טען דעצעמבער 1908 איז דער דורכשניטליכער פּרייז פון דיא פּריפּוירד סטאק (פון דיעזע 16 טראַסטס) געווען 77.5 דאלאר, און דער דורכשניטליכער פּרייז פון די קאממאָן סטאק 33.5 דאללאר, כמעט דיא זעלבע פּרייזען, וויא מיט 6 יאָהר צוריק. דיא פּריפּוירד איז אפילו עטוואָס טהייערער געוואָרען, אָבער דער פּרייז פון דיא קאממאָן איז נאָך ניעדעריגער געפאללען.

דער עולם אליזאַ צאָהלט זעהר נידעריגע פּרייזען פאר דעם טראַסט׳ס וועקסלען. דאָס ווייזט, אז ער טרויט ניט דעם טראַסט. דאָס ווידער איז א סימן, אז דיא טראַסטס האַלטען שמאַל.

דיא טראַסטס זיינען א דורכפאַלל.

ווען מיר רעדען דאָ וועגען א דורכפאַלל, מיינען מיר דעם דורכ־פאַלל פון דיא טראַסטס און ניט פון דיא טראַסטס־לייטע. דיעזע האָבען שוין גאָר קיין דורכפאַלל ניט געהאט. דיעזע האָבען פולל אָנגע־שאָטען זייערע פאַקעטס מיט עולם׳ש געלד. ווארום פון וואנען דען קומען דיא דיווידענדס, אויב ניט פון דעם עולם׳ס פאַקעטס? ווער זשע האט אָפּגעקויפט דיא גרויסע מאסען שערס פון דיא פּראָמאוטערס, סובסקרייבערס און דיא פריהערדיגע אייגענטהימער, אויב ניט דער עולם? און טאקע דערפאר, וואָס ביי דיא טראַסט־מאגנאטען זיינען דיא פאַקעטס אזוי פעט, זיינען דיא טרעזשורים פון דיא טראַסטס אזוי מאָגער. ניט אומזיסט האָבען לעצטען ווינטער אייניגע פינאנסיסטען געפאָדערט, אז האררימאַן, דזשייקאָב שיף און נאָך אזעלכע טראַסט־העכט, זאָלען פארשפּארט ווערען אין פּריזאָן פאר׳ן רואינירען, אויב מיר האָבען קיין טעות ניט, דיא „יוניאָן פּאַסיפיק ריילראוד". דיעזע אייזענבאַהן, קלאָגען זיך דיא פינאנסיסטען, האט געמאכט גלענצענדע ביזנעס, זיא האט געדארפט יעצט פארמאָגען א גרויסען „איבערפלוס". נאָר אנשטאט צו האָבען אן איבערפלוס איז זיא גאָר יעצט בעלאסטיגט מיט א סך חובות און א סך „וואסער־סטאָק". און דער איבערפלוס ליעגט זיך יעצט אין דיא פאַקעטס פון דיא דערמאָנטע טראַסט־מאג־נאטען.

און דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט דער ניו יאָרקער „דריטע עוו. ליין". זיא האָט איינגעשלונגען דיא וויכטיגסטע „קראסטאון ליינס", האט געמאכט און מאכט יעצט גלענצענדע געשעפטען. און זיא האָט דאָך באנקראָטירט. און דער רעסיווער מר. ווייטרידזש, קען ניט אויסגע־פינען, וואו זיינען אהינגעקומען 16 מילליאָן דאללאר! דיא שערס פון דער ליין זיינען יעצט ווערטה אויף פּאפּיער זיי צו פערקויפען...

דיא נוצען פון א טראָסט. (*

דער טראָסט האָט א סך פארטהיידיגער. פיעלע בעהויפּטען, אז ער לייסטעט גרויסע דיענסטע דער געזעלשאפט. און אין גרונד גענומען דארף טאקע א טראָסט זעהר ניצליך זיין. דער טראָסט טראָגט אריין פעראייניגונג אין יעדען צווייג פון דער אינדוסטריע, וואו ער גרינדעט זיך. אויף אזא אופּ'ן קען ער פארשפּאָרען א סך איבריגע אויסגאבען. א פערבאנד פון 10 קאָמפּאניעס דארף דאָך ניט האָבען קיין 10 בעזונדערע אָפיסעס מיט 10 בעזונדערע מענעדזשערס, און 10 מאָהל אזוי פיעל בוק־קיפּערס, קלוירקס. ער פארשפּאָרט אויך אויף געז, בעהייצונג, אויף אדווערטייזמענטס א. ז. וו. דער פאר איז אזא פערבאנד אימשטאנד צו מאכען גרויסע פארבעסערונגען, טהייערקאָסטענדע איינריכטונגען. איינפיהרען בעסערע, נייערע, גרעסערע מאַשינען, וואָס אן איינצעלנע קאָמפּאניע קען זיך ניט אלע מאָל ערלויבען.

דאָס אלעס דארף געבען דעם טראָסט א מעגליכקייט צו פּראָדוצירען בילליגער און צו פערקויפען סחורות בילליגער. דאָס דארף זיין א בענעפיט פאר דיא, וואָס ברויכען דיעזע סחורות, א בענעפיט, הייסט עס, פאר דער גאנצער געזעלשאפט.

דער טראָסט קען נאָך ניצליך זיין אין אנאנדער הינזיכט. ווען דיא פּראָדוקציאָן איז ניט פאראייניגט, מוזען א סך פּראָדוקטען, א סך פּראָדוקציאָן'ס־מיטלען און א סך מענשליכע ארבייט אין ניוויעז געהן. איין קאפּיטאליסט וויים ניט פון צווייטען. יעדער פּראָדוצירט, וויפיעל זיין פלענט ערלויבט נאָר, און נעהמט ניט אין אנבעטראכט, אפשר דארף גאָר דיא געזעלשאפט ניט אזוי פיעל פון דיעזען סאָרט פּראָדוקטען, אפשר נויטיגט זי זיך גאָר אין דיעזען מאָמענט אין אנדערע ניצליכע זאכען. און ווען יעדער בעזונדערער מאנופעקטשורער טהוט זיך דאָס זייניגע, פּראָדוצירט און פּראָדוצירט אלץ דיא זעלבע ארטיקלען, קומט דאָך אויס, אז ער ברייגנט אומזיסט אוים רויהע מאַטעריאלען, מענשליכע ארבייט, ניצט אומזיסט אוים מאשינען, געצייג א. ז. וו. מיט אנדערע ווערטער, דיא געזעלשאפט אין אלגעמיין ליידעט שאָדען דערפון.

נו, און דער טראָסט האָט טאקע דיא מעגליכקייט צו אָרגאניזירען דיא פּראָדוקציאָן. ער קען גוט וויסען דיא בעדירפניסע פון מארקעט צו יעדער צייט, און צו יעדער צייט און אין יעדען אָרט, פארגרעסערען אָדער פארקלענערען דיא פּראָדוקציאָן, וויא דיא אומשטענ־

---

*) מיר מאכען נאָך א מאָל אויפמערקזאם דעם לעזער, אז אונטער'ן וואָרט „טראָסט“ בעצייכנען מיר ניט נאָר א טראָסט גופא, נאָר יעדע קארפּארייש‌אָן, וואָס איז צוזאמענגעשמאָלצען פון פיעלע אנדערע קאָמפּאניעס.

דען פּאָדערען. אויף אזא אויפ׳ן קען ער פארשאפען גרויסע נוצען דער געזעלשאפט.

דאָס איז נאָך ניט אלעס. דיא טראָסטס קענען דיענען אלס א פערזיכערונגס־מיטעל געגען א קריזיס. די הויפּט אורזאכע פון א קריזיס, וויא בעוואוסט, איז איבער־פּראָדוקציאָן. איבער־פּראָדוקציאָן קומט פון דעם, וואָס דיא פּראָדוקציאָן איז ניט רעגולירט. יעדער מאנופעקטשורער האָט נאָר אין זינען זיינע פּראָפיטען און פּראָדוצירט וויפיעל ער קען נאָר, אזוי וויא ער וואָלט געוועזן דער איינציגער אויפ׳ן מארקעט. דער פון קומט ארויס אָן אמת׳ע אנארכיע, אָן אונאָרדנונג אין דער פּראָדוקציאָן און אויפ׳ן מארקעט. דער מארקעט ווערט איבערפליצט מיט סחורות, וועלכע קענען ניט אויספערקויפט ווערען, דיא מאנופעקטשורערס, דיא סוחרים, ווערען רואינירט, באנקראָטירען, פעקטאָרים סטאפּען, און מאסען ארבייטער ווערען ארבייטסלאָז.

איין מאנופעקטשורער קען ניט אויסמיידען דיעזע אנארכיע און אויך איהרע פאלגען, דיא קריזיסען. אָבער א פערבאנד פון מאנופעקטשורערס, וועלכע זיינען נאָך דערצו פעראייניגט אין א טראָסט, דארף יע קענען אויסמיידען איבער־פּראָדוציאָן און קריזיסען.

מאכען, דאָס סחורות זאָלען קאָסטען בילליגער, אָרגאניזירען דיא פּראָדוקציאָן אום ניצליכע פּראָדוקציאָן׳ס־מיטעלען זאָלען ניט געהן אין ניוועץ, אויסמיידען קריזיסען — דאָס זיינען דיא נוצען, וואָס דיא טראָסטס וואָלטען געדארפט ברייננען דער געזעלשאפט.

מיר זאָגען — זיי וואָלטען געדארפט ברייננען — ווייל לײדער ברייננען זיי דאָס ניט, און קענען גאָר ניט ברייננען. פאר וואָס?

דער טראָסט טראָגט אריין פעראייניגונג אין דער פּראָדוקציאָן, דאָס איז אמת. אבער צו דער זעלבער צייט טראָגט ער אריין פעראייניגונג צווישען דיא „קעפּטיינס אָוו אינדאָסטרי“, צווישען דיא קאפּיטאליסטען. ווארים דיא פּראָדוקציאָנס־מיטלען — דיא פעקטאָרים, דיא מאשינען, דיא מאטעריאלען, דיא ערד, דיא אייזענבאהנען א. ז. וו. — בעלאנגען ניט צו דער געזעלשאפט, נאָר צו פּריוואטע אייגענטהימער, צו קאפּיטאליסטען. דיא פּראָדוקציאָן איז דעריבער אין דיא הענד פון קאפּיטאליסטען. און ווען זיי פאראייניגען זיך, זיינען זיי אויסען ניט דיא געזעלשאפט, נאָר זייערע אייגענע אינטערעסען. זייערע אינטערעסען זיינען גאָר געגענזעצליך, פיינדליך צו דיא אינטערעסען פון דער געזעלשאפט. וואָס עס לוינט זיך איהר, לוינט זיך זיי ניט, און פארקעהרט.

דער טראָסט שפּאָרט טאקע אָפּ א סך הוצאות. איהם קאָסט טאקע דיא פּראָדוקציאָן פון א סחורה א סך וועניגער. דיא געזעלשאפט פארלאנגט דארום, אז דיא סחורה זאָל פערקויפט ווערען בילליגער. אבער צו וואָס לוינט זיך דאָס דעם טראָסט? איהם לוינט זיך דאָך בעסער

צו פארקויפען לויט די פריהעריגע, העכערע פרייזען, וועלכע עס האָבען עקזיסטירט, איידער ווי די פּראָדוקציאָן פון דער סחורה איז געוואָרען ביליגער.

און איבריגענס, ניט אלע מאָל קען ער גאָר איינפיהרען נייערע מאשינען אָדער מאכען פערשידענע אויסבעסערונגען. ווארום מאשינען און אויסבעסערונגען קאָסטען געלד, און זעלטען ווען א טראָסט פארמאָגט א ספּעציעלען „סוירפּלאָס", א ספּעציעלע סוממע אויף צו מאכען פערבעסערונגען. איבעריגעס קען זיך אָנקלייבען פון פּראָפיטען. אָבער די פּראָפיטען, וואָס דער טראָסט מאכט, מוז ער גאָר אויסבריינגען אויף הויכע דיווידענדס. און אז ער וויל שוין יע מאכען פערבעסערונגען, מוז ער אויף דעם לייהען געלד און צאָהלען גרויסע פּראָצענטען. און אויב ער לייהט ניט קיין געלד, נאָר ער „פּארוואָטערט" זיינע סטאָק, ווערט ער א גרעסערער בעל הוצאה אויף דיווידענדס. אגב פאלט דאן דער פרייז פון זיינע סטאָק, און ער לייזט אוים ווייניג געלד צו אזוי, צו אזוי — צו ער צאָהלט פּראָצענט, צו דיווידענדס — מוז ער דאָך דערגאָך דעקען דיזע עקספּענסעס — פּראָצענטען און דיווידענדס — און ער איז גאָר ניט אימשטאנדע צו פארקויפען זיינע סחורות ביליגער. פון די אלע אויסבעסערונגען פּראָפיטירען אלזאָ די זאָגענאנטע באנד־האָלדערס, עס הייסט די וואָס בעקומען די פּראָצענטען, און די סטאָק־האָלדערס, וואָס בעקומען די דיווידענדס. און די געזעלשאפט? דער עולם, וואָס קויפט די סחורות? אָ, דער עולם צאָהלט פאר אלעם — אי אויף צו דעקען די פּראָצענטען, אי אויף צו דעקען די דיווידענדס.

פאר וואָס, דאכט זיך, עס קומט יע קרעדיט די טראָסטס, איז וואָס זיי דערלאָזען טאקע אָפט ניט, אז פּראָדוקציאָנס־מיטלען זאָלען געהן אין ניוועץ. אבער דאָס קומט ניט פון דעם, וואָס די טראָסטס אָרגאניזירען די פּראָדוקציאָן, ניט פון דעם, וואָס זיי פיהרען אן די פּראָדוקציאָן אויף א געוויסען פּלאן, נאָר פון דעם, וואָס זיי לאָזען אפט בכיון ווייניגער פּראָדוצירען כדי די פרייזען פון די סחורות זאָלען שטייגען. ניט איין מאָל, צ. ב. ש., האָט מען בעשולדיגט אין אזא טאקטיק דעם אייז־טראָסט. און אזא טאקטיק פיהרט אָפען אן דער צוקער־סינדיקייט אין רוסלאנד. און אויב אזא טאקטיק לוינט זיך פאר דעם אייז־טראָסט פון אמעריקא און דעם צוקער־טראָסט פון רוסלאנד, טאָ פאר וואָס זאָל זיא זיך ניט לוינען פאר יעדען טראָסט אין יעדער לאנד?

עס האָט זיך אויך ארויסגעוויזען, דאָס די טראָסטס זיינען אונפעהיג צו פארמיידען קריזיסען. א בעווייז האָט איהר, אז אין אמעריקי, אין סאמע טראָסטען לאנד, האָבען מיר אויך אזוי אָפט קריזיסען, וויא אין יוראָפּ.

האָט האָט איהר א טאבעלע פון קריזיסען פאר דיא לעצטע 30-35 יאָהר אין:

דיא פער. שטאטען	ענגלאנד	פראנקרייך
1873	1875	
1884	1884	1882
1890	1890	
1893	1893	1893
1907	1902	

דיא טראַסטס האָבען זיך אין דיא לעצטע 10 יאָהר פארשפרייט אין דער ברייט און אין דער לייִנג. און דאָך האָבען זיי אונז ניט פערהיט פון אזא קריזיס, וועלכען מיר לעבען נאָך יעצט דאָ איבער אין לאנד. און נאָך מעהר: דער יעצטיגער קריזיס איז געקומען נאָך גיכער, וויא מיר האָבען געקענט ערווארטען. אויב פון דעם גרויסען קריזיס פון 1873 האָט עס גענומען גאנצע צוואנציג יאָהר ביז עס האָט אויסגעבראָכען דער גרויסער קריזיס פון 1893, האָבען מיר דאָך געקענט ערווארטען, אז צו־ליעב דעם זכות פון דיא טראַסט, וועט א גרויסער קריזיס — אויב אמעריקא איז שוין באשערט איבערצולעבען נאָך א שווערען קריזיס — ערשט אויסברעכען אין פיעלע צעהנדליגע יאָהרען שפעטער און דאָך? און דאָך האָט אויסגעבראָכען דער גרויסער קריזיס יעצטיגער אין סך הכל 14 יאָהר שפעטער. (1893—1907).

דיא טונקעלע זייטען פון א טראַסט.

אויב מיר קענען וועניג וואָס זאָגען פאר דעם טראַסט, איז אבער דאָ גענוג וואָס אויסצוזעצען געגען איהם. וויא מיר האָבען שוין אין אונזער פאָרוואָרט בעמערקט, ריהרט דער טראַסט אן דיא פערשיע־דענסטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג. ער שטעהט אלעמען אין וועג, דריקט און שטיקט אלעס, וואָס שטעהט איהם אין וועג. דאָס איז אן אָרגאניזירטע מאכט אום נוצען צוברייִנגען א פערגלייכבאר קליינער צאָהל מענשען, און צוליעב דיעזע נוצען, ברייִנגען זיי פיעל שאדען דיא גאנצע געזעלשאפט. און דאָס איז דיא אורזאכע פאר וואָס דער טראַסט ווערט אזוי פערהאסט און צייטענווייז פערפאָלגט.

1. דער טראַסט און אייִנצעלנע קאפיטאליסטען.

דער טראַסט איז שעדליך פאר מאנכע קאפיטאליסטען גופא. וואו דער טראַסט גיט נאָר א טרעט מיט'ן פוס, דאָרטען קען שוין קיין אייִנצעלנע גרעזעל ניט וואקסען. ער צווינגט דיא אייִנצעלנע קאפיטא־ליסטען אָדער אנצושליסען זיך אָן איהם, אָן טראַסט הייסט עס, אָדער אין גאנצען אָפּצוטרעטען דעם וועג. סאי דאָס, סאי יענעס איז געגען זייערע אינטערעסען. ווארום אויב דיעזע קאפיטאליסטען זייִנען ניט

אריינגעטראָטען פרייוויליג אין טראַסט, מסתמא האָבען זיי דאָך געהאָט אורזאכען דערצו, מסתמא האָט דאָך דאָס זיי ניט געלוינט. יעצט שטיקט זיי דער טראַסט, טהוט זיי אָן אלערליי שאדען און צווינגט זיי אונטערצוגעבען זיך אויף דיא שווערסטע בעדינגונגען.

און אזוי וויא דער טראַסט נעהמט אריין אין זיך, נאָר א קליינעם טהייל פון דיא מאַנופעקטשורערס פון זיין ליין, קומט שוין ממילא אויס, אז פון איהם ליידעט דיא מעהרסטע צאָהל מאַנופעקטשורעס, מיט אנדערע ווערטער, דיא מעהרסטע צאָהל קאַפּיטאַליסטען, צווישען וועלכע עס געפינען זיך ניט נאָר קליינע און מיטעלע פּלאַטקעלעס, נאָר אויך גרויסע העכט.

2. דער טראַסט און דיא ארבייטער.

נאָך מעהר ליידען פון׳ם טראַסט די ארבייטער־מאסען. זעלטען ווען עס פּאסירט, דאָס די ארבייטער זאָלען געהן האנד אין האנד מיט׳ן באָס. אלס א כלל, קען מען זאָגען אז דאָס, וואָס עס איז גוט פאר׳ן באָס, איז שלעכט פאר דיא ארבייטער, און פארקעהרט. דיא ארבייטער פיהרען שטענדיג אָן אָפענעם אָדער פערשטעלטען קאמפף מיט׳ן באָס. און דאָס, וואָס עס מאכט איין צד שטארקער, איז א רעה פאר׳ן צווייטען צד.

מיט אן איינצעלען באָס קענען זיך דיא ארבייטער אָפט ספּראווען. זיינען זיי ניט צופריעדען מיט דער ארבייט אין איין פעקטאָרי, זוכען זיי ארבייט אין אנדערע פעקטאָריס. ביי א גוטער געלעגענהייט קענען זיי צושפּארען דעם באָס צו דער וואנד, שטעלען איהם וויכטיגע פאָדערונגען, וויא העכערע וויידזשעס, א קירצערען ארבייטס־טאג, פארזיכערונגס־מיטלען ביי דער ארבייט, סאניטארע אויסבעסערונגען, בעסערע בעהאנדלונג א. ד. גל. זיי קענען ארויס אין א סטרייק און צווינגען דעם באָס נאָכצוגעבען זייערע פאָדערונגען. אויס מורא, דאָס דיא קאָנקורענטען זיינע, זאָלען זיך ניט בענוצען מיט׳ן סטרייק אין זיין פעקטאָרי און דערוויל פארכאפּען זיינע קונדען, איז ער אָפט געצוואונגען נאָכצוגעבען דיא ארבייטער.

דער טראַסט אָבער, וויא מיר האָבען שוין ערקלעהרט, שטעלט זיך, אלס איינע פון זיינע צוועקען, צו בעקעמפּפען דיא ארבייטער. געגען פעראייניגטען קאפּיטאל קען שוין ארבייט ניט קעמפּפען מיט אזא ערפאָלג. דער ארבייטער האָט שוין מורא צו ווארפען דיא ארבייט אין פעקטאָרי, ווייל ער וויים, דאָס דיא אנדערע פעקטאָרי בעלאנגט צו דעם זעלבען טראַסט, וואָס דיא ערשטע. דער טראַסט האָט א מעגליכקייט צו „בלעקליסטען" (ארויפשטעלען זיין נאָמען אויף דער „שווארצער ליסטע", וואו עס זיינען פערצייכענט דיא אונגעווינשטע ארבייטער דיא „פרעכע" ארבייטער.) און עס טרעפט אָפט דעריבער, דאָס אן ארבייטער, וואָס האָט געהאט דיא „העזה" צו האלטען זיך

וואו עס איז מעהר אָדער וועניגער זעלבשטענדיג, קען שוין דער נאָך ערגיץ ניט קריגען קיין רזשאבּ.

און דיא גרויסע קלעפּ, וואָס ארבייט האָט בעקומען פאר די לעצטע יאָהרען, קען מען ערקלעהרען נאָר דערמיט, וואָס קאפּיטאל איז מעהר קאנצענטרירט, „פּארטראַסטעוועט" געוואָרען. אלע זאַגענאנטע אינדזשאַנקשאַנס, דיא פערשיעדענע ענטשיידונגען אין דיא קאורטס, האָבען דיא ארבייטער צו פערדאנקען הויפּטזעכליך נאָר דאַס, וואָס דער פעראייניגטער קאפּיטאל האָט אויפגעהויבען דיא קאָפּ און האָט בעקומען א מעכטיגען פּאָליטישען איינפלוס אויף דיא פּאָליטישע איינריכטונגען פון לאנד.

געגען פעראייניגטען קאפּיטאל פּאָדערען זיך אנדערע קאמפּף'ס מעטהאָדען. אום צו בעקעמפּפען דעם שטארק פעראייניגטען קאפּיטאל, פּאָדערט זיך, דאס ארבייט זאָל אויך ארויסטרעטען שטארק פעראייניגט, מעהר קאנצענטרירט, וויא זיא האָט ארויסגעטראָטען ביז אהער. אום צו קענען זיך פערטהיידיגען פון דיא פיינדליכע ענטשיידונגען און אינדזשאַנקשאַנס, איז נויטהיג, אז דיא ארבייטער זאָלען אויך ווערען א פּאָליטישע מאכט און אויך בעקומען א שטארקען איינפלוס אויף דער רעגיערונג.

לײדער אָבער האלטען זיך נאָך דיא אמעריקאנער ארבייטער פאר זייערע אלטע מעטהאָדען, פאר זייער אלטע טאקטיק, וועלכע זיינען גאָר צוגעפּאסט צו אנדערע צייטען, צו אומשטענדען, וועלכע האָבען עקזיסטירט פאר דער פערשפּרייטונג פון טראַסטס.

דער טראַסט און דער פארמער.

דער טראַסט דריקט דעם פארמער. דער פארמער איז אין גאנצען אָבגעשניטען פון מארקעט. אזוי וויא א קלין האָט זיך דער טראַסט ארייננעשפּארט צווישען דעם פארמער און דעם קויפער. דיא גערעטעניס קען זיין גרויס אָדער קליין, דיא נאכפראגע אויף ברויט, אייער, פּוטער, פּאטייטאָס, מעג זיין וויא גרויס, אָבער דער פארמער וועט ניט בעקומען זיין פּרייז. ווארום זיינע פּראָדוקטען קען ער ניט אָבשטאטען גלייך צום בעקער, צום גראָסער, נאָר ער מוז זיי פארקויפען צום טראַסט. און ער מוז מרוצה ווערען אויף'ן פּרייז, וואָס דער טראַסט הייסט איהם נעהמען. א ברירה האָט ער? כאָטש פּיהר צוריק אויפ'ן פארם די קאָרן און די פּאטייטאָס, אָדער לאָזען זיי פוילען. דעם פארמער'ס וואָהלזיין הייננט אין גאנצען אָפּ אן דעם ווילען פון טראַסט אין „קאָרן־עקססטשיינדזש" (תבואה־בערזע).

דאס זעלבע איז אויך מיט'ן פארמער, וואָס פּראָדוצירט פיה צו פערקויפען. צווישען איהם און דעם מארקעט, שטעהט דער פלייש־

טראָסט, דיא ריעזינגע שלאכט־הייזער, וועלכע אפּטאָן סינקלער האָט „בּעריהמט“ געמאכט אין זיין ווערק „דיא דזשאָנגל“.

דעם קאָטטאָן פּארמער, שיידעט אָפּ פון מארקעט דער קאטטאָן־טראָסט; דעם טאבּאק־פּארמער דריקט דער טאבּאק־טראָסט, א. ז. וו.

דער פּארמער געפינט זיך אין דיעזען הינזיכט אין אזא לאגע, ווי די ארבּייטער. און אפשר אין נאָך אן ערגערע. די ארבּייטער ארבּייטען לכל הפּחות צוזאמען, וואָהנען אין מאסען, נעהנטער איינע צו די אנדערע; זיי קענען לייכטער צוזאמענריידען זיך. דעם פּארמער אָבער קומט אָן שווערער ארויסצואווייזען א ווידערשטאנד. דער פּארמער איז ווירקליך בּיי דעם טראָסט אין דיא הענד. און ווען ער זאָל וועלען אליין אריינטרעטען אין בּעציהונגען מיט'ן מארקעט, וועט איהם דער טראָסט ניט דערלאָזען דאס צו טהאָן. דיא אייזענבּאהנען וועלען געוויס העלפען דעם טראָסט — זיי וועלען נעהמען בּיי דעם פּארמער דאָפּעלטע פראכט, זיי וועלען איהם אָנטהאָן אזוי נגישות, און בּיי איהם וועלען זיך דיא הענד אראָפּלאָזען.

וויא גרויס דיא פערצווייפלונג פון פּארמער איז, וויא בּיטער זיין לאגע איז, ווי טיעף ער פערהאסט דעם טראָסט, האָט דער פּאר־א־יאָהריגער זומער בּעוויזען. אין א גאנצע רייהע סטייטס, איבּערהויפּט אין קענטאָקי און טעננעסי האָט זיך דער פּארמער, אויס פערצווייפלונג געריידערט דער פּאר'ן טעררער. מיר ריידען דאָ וועגען דיא זאָגענאנטע „נייט־ריידערס“. דאָס זיינען דיא טאבּאק־פּארמערס, וועלכע האָבּען שוין אָנגעוואָרען יעדע האָפנונג אויף א געזעצליכען אופן בּייצוקומען זייער אונטערדריקער, דעם טאבּאק־טראָסט, און זיינען געצוואונגען געווען אנצואווענדען אונגעזעצליכע מיטלען.

דיא טאבּאק־פּארמערס האָבּען שוין ווערט געהאט א פעסטע אָרגאניזאציאָן, וועלכע וואָלט זיי געקענט פיעל העלפען אין קאמפּף מיט'ן טראָסט. דיא מעמבּערס פון דער אָרגאניזאציאָן האָבּען זיך געהאט פערפּפליכטעט אונטער א געוויסען פּרייז ניט צו פערקויפען קיין טאבּאק, ניט צו פּפלאנצען א געוויסע צייט קיין טאבּאק, אום ארויסצורופען א טאבּאק־„הונגער“ און דאדורך צו צווינגען דעם טראָסט צו צאָהלען ריכטיגע פּרייזען.

דער טראָסט אָבּער האָט אנגעווענדעט חוליגאנישע מיטלען, אויפגעהויבּען אייניגע פּארמערס געגען אנדערע, האָט אנגעבּאָטען „סקעבּס“ אונגעהויער הויכע פּרייזען פאר זייער טאבּאק, דיעזע האָבּען ניט געקענט בּיישטעהן דעם נסיון, און האָבּען פערראטהען זייערע חברים — און דיא אָרגאניזאציאָן פון דיא פּארמערס איז צובּראָכען געוואָרען.

דאָן האָבּען זיך דיא טאבּאק־פּארמערס אָרגאניזירט אין בּאנדעס, אין פליהענדע קאמפּף'ס גרופּעס אום ארויפצוואַרפען א שרעק אויף

דיא „סקעבס“ און דעם טראַסט. פונקט וויא דיא רעוואָלוציאָנערע לעטישע „וואלד־ברידער“, האָבען די „נאכט־רייטערס“ אונטערגעצונדען פארמס, חרוב געמאכט זאפאסען טאבאק, צוטראָטען פעלדער. און טראָץ דעם, וואָס אייגענטהום איז אזוי הייליג אין דיא אויגען פון דעם אמעריקאנער, איז די געזעלשאפטליכע מיינונג ניט געווען אויפגעבראכט געגען דיא „נייט־ריידערס.“

א מענש, וואָס האלט זיך אין טרינקען, כאפט זיך פאר א שטרייעלע. דיא „נייט־ריידעריי“ איז טאקע מעהר ניט, וויא א שטרייעלע. און פריהער אָדער שפעטער האָט דיא רעגיערונג געמוזט פארברענען דיעזע שטרייעלע. און דיא געזעלשאפטליכע מיינונג האָט זיך אויך געענדערט, איבערהויפט נאָך דעם, וויא דער לאנד־טעררער האָט דיא „נייט־ריידערס“ לאָגישער־ווייזע געבראכט צו טעררעריסטישע פערזוכע אויף מענשליכע לעבענס.

דער טראַסט און דיא מידדעלמען.

דער טראַסט האָט רואינירט אויך נאָך פיעלע אנדערע געשעפטליכע גרופפען. א גאנצע מחנה קלוירקס, בוק־קיפערס, מענעדזשערס, פאָרלייטע, עקספעדיטאָרס א. ז. וו., וועלכע האָבען פריהער געהאט זייערע דזשאבס אין דיא פערשיעדענע קאָמפאניעס און בעזונדערע ביזנעס־הייזער, בלייבען צוליעב דעם טראַסט אָהן בעשעפטיגונג. דער טראַסט פערקלענערט אויך דיא צאָהל סיילסלייטע, איידזשענטס, סאָליסיטאָרס, א. ד. ג.

אין יעדער ליין פון ביזנעס איז אימער בעשעפטיגט א געוויסע צאָהל פערמיטלער, אָדער „דזשאבבערס“ אויף א גרויסע צאָהל קליינע הענדלער, סטאָר־קיפערס מאכען דערביי א לעבען. דער טראַסט נעהמט אוועק ברויט פון אלע דיעזע עלעמענטען.

דער טראַסט און דאס ברייטע פובליקום.

דער טראַסט דריקט די גרויסע מאסען פון דער בעפעלקערונג, אלס קויפער פון זייערע סחורות. דער טראַסט בענוצט זיך מיט זיין מאנאפאָליע אויף'ן מארקעט און פארקויפט זיינע סחורות פאר הויכע פרייזען. אזוי וויא דיא טראַסטס זייגען פארשפרייט איבער'ן לאנד און אזוי וויא זיי האָבען שוין ארייגגעכאפט כמעט אלע צווייגען פון דער אינדוסטריע, געפינט זיך דער קויפער, דאס פובליקום בפועל ממש אין זייערע הענד, און מוז צאָהלען דיא פרייזען, וועלכע דער טראַסט שטעלט. און דער טראַסט שינדט טאקע דיא הויט. ער טהוט דאס ניט נאָר דערפאר, וואָס ער האָט קיין מורא ניט פאר קאנקורענץ, נאָר אויך דערפאר, וואָס ער האָט אליין קיין ברירה ניט, ער מוז פארקויפען טהייער זיינע סחורות. ווארום, וויא מיר האָבען געזעהן, איז ער א גרויסער בעל הוצאה אויף דיווידענדס און פראָצענטען.

איבערהויפּט לײדען דיא ארבייטער פון דיא הויכע פּרייזען. רענט, געז, קאר־פער ווערט אלץ העכער; ברויט, פלייש, בעקליידונג, א. ז. וו. — אלע לעבענס־מיטלען ווערען טהייערער. דיא שכירות אָבער בלייבּט דיא זעלבע; דער פּרייז פון ארבייטס־קראַפט וואקסט ניט צוזאמען מיט דיא פּרייזען פון דיא איבּריגע סחורות. דיא וויידזשעס הויבען זיך אויף גאָר צו לעצט, ווען אלע סחורות זיינען שוין געוואָרען א סך טהייערער. און דאָס קומט דעם ארבייטער אָן מיט גרינגע ווערים צו דערשלאָגען זיך א העכערונג פון וויידזשעס. און אז דיא וויידזשעס וואקסען שוין יע, וואקסען זיי ניט אין דער זעלבער מאָס, וויא דיא פּרייזען פון פערשיעדענע לעבענס־מיטלען.

אלס קויפער לײדעט אויך זעהר פיעל דער פארמער. דער אמעריקאנער פארמער איז ניט דאָס, וואָס דער רוסישער בויער. זיין ווירטהשאפט פיהרט ער אויף א ריין־קאַפּיטאליסטישען אופן: ער פּראָדוצירט נאָר איין אָדער צוויי פּראָדוקטען, און אלע לעבענס־מיטלען, זאָגאר מעהל אויף ברויט, און אָפט טאקע פארטיגע ברויט אויך, קויפט ער ביי אנדערע. אויסער דעם בענוצט זיך דער אמעריקאנער פארמער מיט פערשיעדענע ערד־ארבייט מאשינען, מיט פערשיעדענע כעמישע שטאָפען, פון מאשינאַווע ארבייט, אויף צו מיסטיגען דיא פעלדער. דאָס אלעס מוז ער קויפען, און קויפען מוז ער ביים טראָסט.

דער טראָסט אין פּאליטיקס.

אין דיא פריהערדיגע קאַפּיטלעך האָבען מיר בעשפּראָכען דיא עקאָנאָמישע ראָליע פון דיא טראָסטס און איהר בעדייטונג פאר פערשיעדענע שיכטען פון דער בעפעלקערונג. יעצט לאָמיר אין קורצען בעשפּרעכען דיא פּאָליטישע ראָליע פון דיא טראָסטס.

אום צו פערטהיידיגען זיין עקאָנאָמישע הערשאפט פיהרט דער טראָסט אָן אן ענערגישע פּאָליטישע טהעטיגקייט. אָפיציעל אפילו בעשעפטיגט זיך ניט דער טראָסט מיט פּאָליטיקס. ער בילדעט ניט קיין ספּעציעלע, בעזונדערע טראָסט־פּאַרטיי. אדרבה איהר געפינט טראָסט־לייטע אין אלע קאַפּיטאליסטישע פּארטייען. וויא מיר האָבען שוין אויבען בעמערקט. שטעהען גאָר אָפט דיא מאכער פון איין און דעם זעלבען טראָסט פאר מעהר, וויא איין פּארטיי, וויא און וואו עס לוינט זיך זיי.

אָבער אונאָפיציעל, „הינטער די קוליסען,“ וויא דיא טהעאטער לייטע דריקען זיך אויס, זיינען דיא טראָסטס זעהר טהעטיג אויפ׳ן פּאָליטישען פעלד. מיר קענען זיך גאָרניט פאָרשטעלען, וויא שטארק עס איז זייער איינפלוס אויף דיא גאנצע רעגיערענדע מאשין.

אום צו בעשטעטיגען דיעזע בעהויפּטונג ווילען מיר בריינגען איינינע פאקטען. אין 1893 האָט דיא יונייטעד סטייטס רעגיערונג געשלאָסען א נייעם האנדעלס־אָבּמאך מיט רוסלאנד. לויט דיעזען אָבּמאך

האָט דיא רוסישע רעגיערונג בעקומען געוויסע ספּעציעלע רעכטע בנוגע צו איהרע פּאָליטישע קרבנות, וועלכע זיינען געצוואונגען צו זוכען אן ערד מקלט אין דער פרייער אמעריקא, און רוסלאנד נוצט דאָס יעצט אויס איהרע רעכטע. פּורען־קיים און רודאוויץ־קיים זיינען גוטע בעווייזע צו דעם.

וואָס זשע האָבען דיא פּעראייניגטע שטאאטען בעקומען פאר דיזע ספּעציעלע רעכטע? דאָס פּאָלק פון דיא פּעראייניגטע שטאאטען האָט גאָר גישט בעקומען. דער פאר האָט דער אָיל־טראָסט בעקומען געוויסע פּריוויליגיען, דער פאר האָט ראקעפעללער יעצט א מעגליכקייט צו פּאר־קויפען געוויסע אָיל־פּראָדוקטען אין רוסלאנד. די רעגיערונג אלזאָ האָט געמאכט דעם אָפּמאך אונטער'ן איינפלוס פון אָיל־טראָסט. „היגטער די קוליסען" הייסט עס האָבען די מאכער פון אָיל־טראָסט „בעארבייט" די רעגיערונג, וועלכע האָט אונטערגעשריעבען דיעזען שענדליכען אָפּמאך, און אויך דיא געזעץ־געבער, וועלכע האָבען איהם בעשטעטיגט.

יענעם אָפּמאך האָט געשלאָסען א דעמאָקראטישער פּרעזידענט, קליוולאנד. און דיא רעפּובליקאנער לאָזען זיך אויך „בעארבייטען." מיט א יאָהר דריי צוריק זיינען פּערעפענטליכט געוואָרען בריעף, וואָס דער רעפּובליקאנישער פּרעזידענט רוזוועלט האָט געשריעבען צו האר־רימאן'ען. ווער איז רוזוועלט און ווער איז האררימאן דארף מען דעם לעזער פיעלעס ניט דערצעהלען. רוזוועלט איז געווען א „פּערפאָלגער," א ביטערער „פיינד" פון דיא טראָסטס. האררימאן ווידער איז דער מעכטיגסטער באָס פון די מעכטיגסטע אייזענבאהן־טראָסטס פון לאנד. נו, און דיעזער רוזוועלט האָט דאָס אין זיין בריעף איינגעלאדען דיעזען האררימאן'ען אין „ווייסען הויז" אום צו בעראטהען זיך מיט איהם וועגען אייניגע געזעץ פּראָיעקטען... איידער הייסט דאָס, מען לייגט פאָר דעם קאנגרעס געוויסע געזעצע וועגען... טראָסטס, האָט זיך דאָס רוז־וועלט געוועלט אן עצה האלטען מיט'ן פאָרשטעהער פון דיא טראָסטס. וואָס פאר אן עצה א טראָסט־מאן קען געבען, קען מען זיך לייכט פאָר־שטעלען.

עס איז אויך א בעוואוסטער פאקט, אז דיא טראָסט מאגנאטען האָבען אין 1904 צו שטייער געגעבען דיא רעפּובליקאנער א גאנץ פיינע מט'בע אויף אנצופיהרען דעם פּרעזידענשאל קעמפּיין. אין איין ניו יאָרק האָבען האררימאן, מאָרגאן און נאָך א פּאָר טראָסט־לייטע גע־געבען צו 50 טויזענד דאללאר. ראקעפעללער האָט זיך וועסט געלאָזט בעטען: ער איז ניט געווען זיכער, צו'קען ער וואָס „האָפּען" פון רוז־וועלטען. האָט מען איהם אָבער געגעבען צו פארשטעהן, אז יע, און מען ערוואַרטעט פון איהם א „נדבה".

דיא ראקעפעללערס, דיא האררימאנס, דיא מאָרגאנס א. ז. וו. ווארפען ניט קיין געלד אין בלאָטע. זיי גיבען געלד פאר געוויסע זאכען,

פאר געוויסע „רעכטע.“ מיר זאָגען ניט, אז קליוולאנד און רוזוועלט האָבען גענומען לאפּקע־געלד, אז זיי האָבען בעוואוסטזיניג פערראטהען די אינטערעסען פון דער בעפעלקערונג. ניין, נאָר וויא זאָגט דאָרטען דער פּסוק: „השוחד יעור עיני פיקחים“ (געלד פארבלענדעט די אויגען זאָגאר פון קלוגע). ווען יענער טהוט דיר א טובה, ווילט זיך דיר איהם אָפּטהאָן א טובה, יעדענפאלס וועסטו איהם קיין רעה ניט וועלען טהאָן. די רוזוועלטס, דיא קליוולאנדס, א. ז. וו. זיינען שוין דארום גענויגט צו קוקען פּארטייאיש אויף די טראַסטס, ניט צו טשעפּען זיך אזוי, און מאכען צו קליין געלד זייערע פערברעכענס.

אין צייט פון טעפט'ס קעמפּיין האָט זיך ארויסגעוויזען, אז האסקעל, דער גאָווערנאָר פון אָקלאהאָמא סטייט, דער הייסעסטער אנהיינגער פון ברייען'ען, דער אנגעזעהנסטער טהוער אין דער דעמאָקראטישער פּארטיי, איז ניט מעהר וויא א געהיימער אגענט פון'ם אָיל־טראָסט!

דאס זעלבע האָט זיך ארויסגעוויזען אויך וועגען דעם בעריהמטען סענאטאָר פון אָהייאָ סטייט, פאָרייקער. אז דער יונייטעד סטייטס סענאטאָר פון ניו יאָרק טשאָנסי דעפּיו, און דער ניו יאָרקער סענאטאָר מעק־קעררען זיינען טראָסטס־אנגעשטעלטע, ווייס יעדער איינער.

נאָר האסקעל, פאָרייקער, דעפּיו, מעק־קעררען — דאָס זיינען נאָר דיא „געזעץ־מאכער,“ וועגען וועלכע מען ווייס, אז זיי זיינען געוועזען, אָדער זיינען נאָך יעצט פערבונדען מיט פערשיעדענע טראָסטס. מען קען זיך שוין פאָרשטעלען, וויא פיעל נאָך אנדערע געזעץ־מאכער פון קאנגרעס און פון פערשיעדענע סטייט־לעדזשיסלייטשורס מאכען א לעבען פון דיא טראָסטס.

ווען מיר זאָגען „זיי מאכען א לעבען,“ מיינען מיר ניט, אז זיי נעהמען, ריכטיגער געזאָגט, אז אלע נעהמען זיי לאפּקע־געלד ביים טראָסט. זיי מאכען א לעבען פון טראָסט הויפּטזעכליך, אלס זיינע בעאמטע. אייניגע דיענען, אלס לאָיערס פאר דיא טראָסטס, אנדערע אלס נאָטארי פּאָבליקס, דריטע אלס דירעקטאָרס פון דיא טראָסטס א. ז. וו., עס פערשטעהט זיך, אז זיי האָבען ניט קיין גאַנץ שווערע ארבייט אויף זייערע טראָסט־דזשאבּס. ווארום דער טראָסט איז גאָר אויסען ניט זייער ארבייט, נאָר דיא דיענסטע וועלכע זיי קענען איהם לייסטען, אלס פאָרשטעהער פון דער רעגיערונג, און דער געזעץ־געבונג. דער טראָסט צאָהלט זיי גערן זייערע וויידזשעס, כאָטש ער ווייס גאַנץ גוט, אז זיי קומען גאָר קיין מאָל אפילו ניט אין אָפּיס, און זיי וואָהנען גאָר אָפּט אין אנדערע שטעדט.

אָט, צ. ב. ש., פאר־א־יאָהרען איז דער יונייטעד סטייטס סענאטאָר, טשאָנסי דעפּיו, ערשיענען אין קאורט אלס עדות אין א פּראָצעס געגען א טראָסט. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דער 72־יעהריגער סענאטאָר איז זעהר „טהעטיג:“ ער פארנעהמט פערשיעדענע דזשאבּס אין עטליכע צעהנדליג קאָמפּאניעס און טראָסטס. אויף דיא פראגע

פון׳ם דזשאָרדזש, וויא קען ער פארטרעטען אזוי פיעל דזשאבס אין ניו יאָרק, זיצענדיג גאָר אין וואשינגטאָן אלס סענאטאָר, האָט זיך דעפּיו מודה געווען, אז אויף איינינע דזשאבס ווייזט ער זיך זעהר, זעהר זעל־טען...

נאָר דיא פּאָליטישע מאכט שטאמט ניט פון דעם אליין, וואָס ער האלט פּאָליטישענס אויף קעסט. ער האָט נאָך א כשר׳ערען מיטעל צו האלטען דיא רעגיערענדע לייצעס אין זיינע הענט. און דיעזער מיטעל גיט איהם א מעגליכקייט אוועקצוזעצען אויף פערשיעדענע רעגיערונגס־אמטער וועמען ער וויל, און צו בעזייטיגען וועמען ער וויל ניט האָבען אויף יענע עמטער. דיעזער מיטעל—איז דיא גרויסע ארמעע וואוטערס, וועלכע זיינען אימער אין זיין רשות. דאס איז, ערשטענס, דיא גרויסע צאָהל קלוירקס, מענעדזשערס, בוק־קיפּערס און אנדערע בעאמטע פון טראָסט. דיעזע ווייסען גאנץ גוט, אז דער טראָסט וועט ניט האלטען ביי זיך קיינע לייטע, וועלכע גיבען אָפּ זייערע שטימען פאר א געגנער פון דיא טראָסטס. און זיי וועלען צוריק־האלטען זיך און גאָר ניט וואוטען, אָדער זיי וועלען וואוטען פאר טראָסט־לייטע.

דאס זיינען, צווייטענס, דיא ארבייטער, וועלכע זיינען פארנומען אין׳ם טראָסטס פּעקטאָרים. דער טראָסט זעהט צו בעאיינפלוסען דיא ארבייטער זיי זאָלען ניט „אוועקוואַרפען" זייערע שטימען. ער גיט דיא ארבייטער „א קאפּולער אנצוהערעניס," דאס דער אָדער יענער קאנדידאט איז דער בעסטער, פאר וועמען עס לוינט זיך צו וואוטען. און וויבאלד ניט יעדער ארבייטער, וועמען מען מאכט אזא אנצוהערעניס, קען ביי זיך פּועל׳ן ניט צו וואוטען פאר׳ן „בעסטען" קאנדידאט פון... טראָסט. ווארום ער פערשטעהט, וואָס דער אנצוהערעניס מיינט — אָדער וואוט פאר וועמען מען הייסט, און האלט דעם דזשאב, אָדער וואוט פאר וועמען דו ווילסט און פארלאָז דעם דזשאב.

אלזאָ, גרויס איז דער איינפלוס פון דיא טראָסטס אויף דיא רע־גיערונג און שטארק איז זייער מאכט אין עלעקשאָן טאָג. ניט אומזיסט גיט זיך כמעט קיין פּראָצעס ניט איין נעגען דיא טראָסטס. אָט, צ. ב. ש., דער געוועזענער אטטאָרני דזשענעראל (פּראקוראָר) פון ניו יאָרק סטייט, דזשעקסאָן, איז ארויסגעטראָטען מיט א גאנצע רייהע בעשול־דיגונג נעגען פערשיעדענע קאָמפּאניעס און האָט דערוויזען, אז זיי זיינען ניט מעהר און ניט ווענינער וויא פארבאָטענע טראָסטס. אָבער עס האָט זיך אויסגעלאָזען גאָרנישט מיט גאָרנישט: דיא לעדזשיס־לייטשור ד. ה. דער פּארלאמענט פון דער ניו יאָרק סטייט, האָט זיך אויסגעלאכט פון דזשעקסאָנס בעשולדיגונגען.

יעדע סטייט האָט געוויסע געזעצע נעגען טראָסטס; עס עקזיס־טירען זאָגאר געזעצע וועלכע זיינען ניט נור גילטיג פאר איין סטייט, נור פאר׳ן גאנצען לאנד, די „פעדעראלע געזעצע", ווי מען רופט זיי. און שוין פיעלע יאָהרען וויא עס זיצט אין „אינטערסטייט קאמערס

קאַמישאַן"—א קאַמישאַן וועלכע דארף אכטונג געבען ניט נאָר אויף דיא טראַסטס פון איין סטייט, נור פון אַלע סטייטס. און זעלטען, זעלטען, איין מאָהל אין א יובל, קומט אונז אויס צו הערען, דאס א טראַסט איז בעשטראפט געוואָרען.

דאַ איז אם פּלאַץ צו בעקאַנען זיך מיט דיא עקזיסטירענדע געזעצע געגען טראַסטס.

דיא רעגיערונג געגען דיא טראַסטס.

נאָך מיט 30־40 יאָהר צוריק האָט שוין עקזיסטירט א בעוועגונג געגען טראַסטס. דיא געזעלשאפטליכע מיינונג פון אמעריקא האָט שוין דאן געפאָדערט דיא רעגיערונג זאָל פארוועהרען אייזענבאהנגען אָדער מאנופעקטשורערס צו פאראייניגען זיך מיט'ן צוועק צו הערשען אויפ'ן מארקעט און צו שינדען די הויט פאר סחורות און טראנספּאָרט. אין 1870־ען יאָהר, צ. ב. ש. איז דער קאמפף געגען דיא מאָנאָפּאָלען, וואָס דיא פעראייניגען פון קאפּיטאל בעזיצען, געווען זאָגאר דיא הויפּט טאגעס־פראגע. וואָס ווייטער איז דיא בעוועגונג געגען די פערשיעדענע קאָרפּאריישאָנס געוואָרען אַלץ שטארקער, און פיעלע סטייטס זיינען געצוואונגען געווען צו פאסען ספּעציעלע געזעצע געגען זיי. אין 37 סטייטס זיינען יעצט דאַ געזעצע וועלכע „פארוועהרען" יעדען פּול, טראַסט, אָפּמאך, אָדער פעראייניגונג.... סיי פון איינצעלנע פּערזאָנען, און סיי פון קאָמפּאניעס... אום קינסטליך צו הויבען דיא פּרייזען פון א וועלכען עס איז ארטיקעל."

אזוי וויא אין לאַנד איז געוואקסען דיא צאָהל פון אזעלכע געשעפטען, וואָס טהוען ביזנעס אין פערשיעדענע סטייטס, האָט זיך די פעדעראלע (צענטראלע) רעגיערונג פון דיא פעראייניגטע שטאאטען מיט דער צייט אויך געמוזט נעהמען פאר דיא טראַסטס.

אין 1890־ען יאָהר האָט דער קאנגרעס אנגענומען דעם זאָגענאנטען „שוירמאן עקט" (SHERMAN ACT). שוירמאן איז געווען דער טשערמאן פון דער סענאט קאמיטע, וועלכע עס האָט אויסגעאַרבייט דיעזען פּראָיעקט. דער „שוירמאן עקט" איז אן אויסדריקליכער אנטי־טראַסט געזעץ. און נאָך יעצט זאָגאר איז ער כמעט דער וויכטיגסטער געזעץ געגען דיא טראַסטס. אָבער פון איהם ליידען יעצט ניט דיא טראַסטס, נאָר דיא... ארבייטער. מיר האָבען אויבען גערעדט וועגען דיא פיינדליכע ענטשיידונגען פון דיא קאורטס געגען ארבייטער. זייערע ענטשיידונגען האָבען דאס דיא דזשאַדזשעס געבויט אויף דעם אנטי־טראַסט געזעץ, וואָס טראָגט דעם נאָמען „שוירמען עקט." סטייטש, וויא אזוי? ענטפערען דיא דזשאַדזשעס, אז דער געזעץ בעט זיך מען זאָל איהם דרשן'ען. ער איז אזוי צוזאמענגעשטעלט, אז ער בעציהט זיך אויף ראקקעפעללער'ס טראַסט און צו דער זעלבער צייט אויך אויף דיא... ניע פענטס מייקערס יוניאָן אָדער אנאנדער יוניאָן.

אַט לייענט זיך איין אין דיא ווערטער פון „שוירמען עקט“: „יעדער קאָנטראַקט, יעדער פערבאַנד, צו אין א פאָרמע פון א טראַסט, צו אין אנאנדער פאָרמע, יעדע קאָנספּיראַציע צו בעשרענקען טרייד אָדער קאממערציע צווישען פערשיעדענע סטייטס אָדער צווישען דיא פעראייניגטע שטאַטען און אויסלאַנד, איז ביי דיעזען ערקלעהרט אלס אונגעזעצליך“.

וויא עס איז צו זעהן, לאָזט זיך טאַקע דער „שוירמען עקט“ דרשן'ען, יעדער דזשאָדזש קען איהם אויסטייטשען אויף זיין שטייגער. נאַטירליך, עס ווענדעט זיך וויא, ווער עס לייענט און וויל לייענען דעם בריעף. אן אונפּאַרטייאישער דזשאָדזש וועט פארשטעהן גאַנץ איינפאַך, אז דער געזעץ בעציהט זיך בלויז אויף טראַסטס, אויף פער־איינען פון קאַפּיטאַל. אבער קיין אונפּאַרטייאישע דזשאָדזשעס זיינען ניטאָ. דיא דזשאָדזשעס זיינען געשטעלט פון קאַפּיטאַליסטישע פּאַר־טייען און זיינען אליין קאַפּיטאַליסטען. דארום מוזען זיי אָפט זאָגאר ניט ווילענדיג, ניט בעמערקענדיג אליין, זיין פּאַרטייאיש, און אָפט אנווענדען דעם אנטי־טראַסט געזעץ אויף געגען ארבייטער, ווען קאַ־פּיטאַל פאָדערט עס. אויף אזא אופן האָבען דאָס דיא דזשאָדזשעס פאַר א יאָהרען פארווערט „דיא אמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר,“ צו דרוקען אין איהר אָפיציעלען זשורנאַל, דעם „פעדערייישאָניסט,“ דיא נעמען פון דיא באָיקאָטירטע פירמען, ווייל — האָבען דיא דזשאָדזשעס געזאָגט — דאָס איז א קאָנספּיראַציע צו בעשרענקען ארבייט און האַנדעל!

ווען דיא דזשאָדזשעס זאָלען נאָר וועלען, קענען זיי יעדע יוניאָן ערקלעהרען אלס א „פערבאַנד... צו בעשרענקען ארבייט און האַנדעל...“ און פאַר וואָס זאָלען זיי דאָס ניט וועלען? עס איז נאָר שווער דער אנהויב. אָבער אן אנהויב האָבען זיי שוין געמאַכט — דיא קיים מיט'ן „פעדערייישאָניסט“ איז א וויכטיגער אנהויב, פון יעצט אָן קענען דיא דזשאָדזשעס אנווענדען דעם „שוירמען עקט“ אין פאַלל פון דעם קלענס־טען סטרייק פון א וועלכער עס איז ארבייטער־אָרגאַניזאַציאָן. די איינ־ציגע זאַך, וואָס עס פאָדערט זיך, איז, דאָס דיעזע אָרגאַניזאַציאָן זאָל האָבען כאָטש איין אבטהיילונג אין נאָך א סטייט. ווארום אויב זיא געפינט זיך בלויז אין איין סטייט איז זיא אונטערוואָרפען אויסשליס־ליך אונטער דיא געזעצע פון דיעזער סטייט, און ניט אונטער דיא געזעצע פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען.

און דיא טראַסטס גופא דרעהען זיך ארוים. זיי דרעהען זיך ארוים מיט פערשיעדענע טריקס. אַט זעהט צום ביישפּיעל אַן איינפאַל פון ראָקקעפעללער'ס איל־טראַסט. דער איל־טראַסט האָט זיך געגרינ־דעט אין 1882. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען דיא „פערפאָלגונג“ אויף טראַסטס, האָבען דיא טראַסטיעס, דיא מאכערס פון'ם איל־טראַסט, דזשאָהן ראָקקעפעללער, זיינע ברידער און פריינד, ערקלעהרט, אז זיי

לייזען אויף דעם אָיל־טראַסט, און קעהרען אום דיא סטאק צו דיא פער־שיעדענע אָיל־קאָמפּאניעס (דער לעזער געדיינקט מסתמא, אז דיא קאָמפּאניעס, וואָס בילדען א טראַסט, לעגען איין זייער סטאק ביי דיא טראַסטיעס, און בעקומען דער פאר טראַסט סערטיפּיקייטס)—נאָר זיי האָבען אומגעקעהרט דיא שערס בלויז צו א קליינער צאָהל קאָמפּאניעס. און דאָס האָבען זיי אומגעקעהרט א זעהר קליינעם טהייל פון דיא שערס אין דיא אויגען פון געזעץ אלזאָ זיינען דיא ראקעפעללערס געוועזן כשר: זיי האָבען דאָך אומגעקעהרט שערס. אָבער אין דער ווירקליכקייט, זייענען זיי געבליעבען דער זעלבער טראַסט. נאטירליך, דעם נאָמען טראַסט האָבען דיעזע מאכערס אויפגעגעבען, אָבער דער נאָמען איז דאָך ניט דער עיקר.

דיא מעהרסטע צאָהל טראַסטס האָט זיך ארויסגעמאכט פון דעם „שוירמען עקט“ פּשוט מיט דעם, וואָס זיא האָט זיך פערוואנדעלט אין האָלדינג־קאָמפּאניעס. וועגען האָלדינג קאָמפּאניעס האָבען מיר שוין אויבען געשריעבען. מיר וועלען דאָ נאָר אָנווייזען בלויז אויף א ביישפּיעל, וויא אזוי דער טראַסט בייט נור דעם נאָמען, און דער גע־ענדערטער נאָמען דיענט איהם אלס א שוץ געגען דעם „שוירמען עקט.“

אין יאָהר 1890 האָט זיך דיא רעגיערונג, אויף'ן גרונד פון'ם „שוירמען עקט,“ גענומען פאר'ן „צוקער טראַסט.“ דער טראַסט האָט פארשפּיעלט אין אלע קאורטס, און ער האָט געמוזט אויפגעלעזט ווע־רען. און ער האָט זיך אויפגעלעזט: ער האָט ערקלעהרט, אז דער „צוקער טראַסט“ איז אויפגעלעזט. אָבער אויף זיין פּלאַץ איז ערשיענען א האָלדינג קאָמפּאניע, וועלכע האָט שוין געטראָגען א לייגערען נאָמען: „דיא אמעריקאן שוגער ריפיינינג קאָמפּאניע.“ אלעס איז געבליעבען, וויא געוועזן: זיא איז בעשטאנען פון דיא זעלבע 15 קאָמפּאניעס, מיט דיא זעלבע קאפּיטאלען, וויא פריהער. בלויז דער סיין און דיא הער־דינגס אין דיא ביכער זיינען געוועזן געענדערט. אנשטאט „שוגאר־טראַסט“ שטעהט „דיא אמעריקאן שוגאר ריפיינינג קאָמפּאניע.“ דאט'ס אָלל!

און דער געזעץ קען איהר גאָר נישט טהאָן. דיא קאָמפּאניע איז בעשיצט געגען פערפאָלגונגען: זיא האָט דאָך א טשארטער פון ניו דזשוירזי אָדער א וועלכען עס איז אנדערען סטייט.(*) און דיעזער

*) ניו דזשוירזי האָט געמאכט גוטע ביזנעס. פון אלע סטייטס האָבען זיך אהין א לאָז געטהאָן נאָך טשארטערס, מאכער פון פולס, טראַסטס און אנדערע האלב־פארבאָטענע קאָרפּאריישאָנס. דיא סטייט־טרעזישורי האָט דערפון געהאט א גרויסען פּראָפיט. אויף ניו דזשוירזי קוקענדיג, האָבען מאנכע אנדערע סטייטס אויך אנגענומען אזא געזעץ וועגען האָלדינג־קאָמפּאניעס, וויא ניו דזשוירזי. און יענע סטייטס קאנקורירען יעצט מיט ניו דזשוירזי....

טישארטער ערלויבט איהר צו קויפען דיא שערס פון אנדערע קאָמפּאַ־ניעס, וואו יענע זאָלען זיך ניט געפינען.

און ביז היינטיגען זומער האָט איהר טאקע דער געזעץ גאָרנישט ניט געטהאָן. נאָר דיעזען זומער האָט זיך דער געזעץ געמוזט אריינ־מישען, ווייל זיא האָט זיך שוין צופיעל ערלויבט. זיא פלעגט איינפאַך בעגנב'ענען דיא רעגיערונג דורך'ן מאכען קונקעל־מונקעל ביזנעס ביים אריינפיהרען צוקער. זיא האָט דער פאר בעצאָהלט צווי מיליאָן דאל־לאר שטראַף. ווייטער עס איז דערוויעזען געוואָרען, אז זיא האָט גע־וואָלט דערשלינגען איהר קאנקורענטקע — אדאלף סיגעל'ס „פילאדעל־פיא שוגאר קאָמפּאַני". דיא מעשה האָט איהר שוין אָפּגעקאָסט 10 מיליאָן דאלאר און האָט נאָך אויף זיך א טרייעל פאר'ן איבערטרעטען דעם „שערמאן עקט".

יעצט האָט זיך ווידער אָנגעהויבען א בעוועגונג געגען די טראָסטס. די געזעלשאפטליכע מיינונג איז אויפגעבראכט געגען זיי. כמעט יעדע פארטיי פאָדערט געוויסע געזעצע געגען קאָרפּאָריישאָנס. אין דיא רייהען זאָגאר פון דער רעפּובּליקאנישער פארטיי, דער פארטיי פון גרויס קאפּיטאל, געפינען זיך פיעלע, וואָס טרעטען ארויס געגען דיא טראָסטס.

אָבער דאָס איז שוין ניט „דער בייזער גייסט" פון דיא 90־ער יאָהרען. פאר דיא לעצטע 10־15 יאָהר זיינען דיא טראָסטס גענוג אויסגעוואקסען אום ניט צו דערלאָזען צו געזעצע, וועלכע זאָלען זיין שעדליך פאר זיי. צו גרויס איז יעצט זייער פּאָליטישער מאכט. זיי קענען לייכט אוועקזעצען אין דיא לעדזשיסלייטשורס גענוג „בעסטע" מענשען, וועלכע וועלען זיך שוין לעגען אין דער לענג און אין דער בּרייט אום צו פאַרוואַרפען געזעצע, וועלכע קענען זיין שעדליך פאר דיא טראָסטס.

אין אויב אזעלכע געזעצע וועלען שוין יע דורכגעהן דורך דיא לעדזשיסלייטשורס און דעם קאנגרעס, און בעשטעטיגט ווערען פון די גאָווערנאָרס און דעם פּרעזידענט, איז נאָך א פראגע, צו מען וועט זיי דורכפיהרען אין לעבען. צו גרויס איז דיא עקאָנאָמישע מאכט פ.ן דיא טראָסטס.

דיא טראָסטס האָבען פארכאפּט כמעט דיא גאנצע אינדוסטריע פון לאנד. דיא רעפּאָרמערס זעלבּסט — דיא הוירסטס, דיא היסגינס, דיא בּרייענס און דיא רוזוועלטס, וואָס זיינען, דאכט זיך, בּערייט דיא טראָסטס אין א לעפעל וואסער צו דערטרייגקען, זיי זעלבסט פאר־שטעהען, אז דיא טראָסטס זיינען שוין אזוי צוזאמענגעוואקסען מיט דער אמעריקאנער אינדוסטריע, אז ווען מען זאָל זיי נעהמען ערנסט פּערפאָלגען, וואָלט דיא גאנצע אינדוסטריע אויפגעטרייסעלט געוואָרען — און דער גאנצער קרייצוג געגען דיא טראָסטס וואָלט געבּראכט מעהר שאדען, ווייא נוצען.

דערצו — און דאָס איז די הויפּט זאַך — זיינען דאָך טאַקע די טראַסטס אַ נאַטירליכע פאָלגע פון דער פרייער קאָנקורענץ. זיי זיינען אזוי נאַטירליך, ווי די פרייע קאָנקורענץ. כל זמן עס עקזיסטירט די יעצטיגע אָרדנונג, מוז אויך עקזיסטירען פרייע קאָנקורענץ. און כל זמן עס וועט עקזיסטירען פרייע קאָנקורענץ, וועט ביי די קאַפּיטאַליסטען עקזיסטירען אַ שטרעמונג צו טראַסטס. פאַר די קאַפּיטאַליסטען איז דער טראַסט דער איינציגער אויסוועג, צו רעטען זיך פון דער פרייער קאָנקורענץ. זיי וועלען דארום טהאָן אַלעס מעגליכעס און אונמעגליכעס, אום נאָר צו פעראייניגען זיך. קיין געזעץ קען זיי ניט אָפּהאַלטען, פאַר קיין פערבאָט וועלען זיי זיך ניט שרעקען. זיי וועלען שוין געפינען אַ וועג ווי אויך אַ „געזעצליכען" אופן איבערצוטרעטען דעם געזעץ! די ראַלקעפעקללערס וועלען זיך שוין אַן עצה געבען דער „שוגאַר־טראַסט" וועט ווידער אומבייטען זיין נאָמען, ווען דאָס וועט נויטהיג זיין.

און אין בעסטען פאַלל, ווען קיינע טריקס וועלען שוין ניט העלפען, און די רעגיערונג וועט זיין געצוואונגען דורכצופיהרען די אַנטי־טראַסטס געזעצע אין לעבען, וועלען די טראַסטס אַנווענדען פערשידענע מיטלען צו פערציהען דעם עסק אויף אַ לאַנגע צייט, משפּט'ן זיך יאַהרען לאַנג, שלעפּען זייער קייס דורך אַלע קאָורטס פון לאַנד. און נאָך אַלעמען וועט דער גאַנצער באַרג געבוירען אַ מויז: די קייס וועט זיך ענדיגען מיט גאָר נישט, און די רעגיערונג וועט בלייבען מיט אַ נאָז.

אַט אַ שטייגער די סטענדאַרד אָיל־קאָמפּאַניע. עס איז גענוי בעוויזען געוואָרען, אַז זיא נעהמט ריבייטס פון אייזענבאַהנען. די רעגיערונג האָט זיך געזעהן געצוואונגען איהר צו פאַרקלאָגען. די קייס איז געווען קלאָהר, וויא דער טאָג, און דזשאַדזש לענדיס האָט, נאַטירליך פאַראורטהיילט די קאָמפּאַניע צו צאָהלען איבער 29 מיליאָן דאַלאַר שטראָף. אָבער די קאָמפּאַניע האָט זיך גאָר ניט דערשראָקען, האָט אַנגעשטעלט לאָיערס, איבערגעטראָגען די קייס אין העכערע קאָורטס, ביז זיא איז אריינגעפאַלען אין פריינדליכע הענד, וועלכע האָבען שוין געפונען אַ פּריטשיפּקעלע צוריקצואוויזען דעם אורטהייל וואָס דזשאַדזש לענדיס האָט ארויסגעגעבען.

און נאָך אַלעמען, ווען דער טראַסט זאָל שוין אפילו אַנווערען די קייס, וועט ער ניט דערשראָקען ווערען און וועט ניט אויפהערען זיינע אונגעזעצליכע גענג. ווען ראָקקעפעללער וואָלט געדאַרפט אויסצאָהלען 29 מיליאָן דאַללאַר שטראָף, וואָלט ער פון'ם פּובליקום ארויסגענומען דערפאַר דאָפּעלט. ער וואָלט שוין געריסען די הויט פאַר אָיל־פּראָדוקטען אום אָפּצומאַכען די געלד שטראָף — און דאָס פּובליקום אַלזאָ וואָלט סאַי ווי סאַי גאָר נישט געוואונען.

שלום - וואָרט.

דיא טראַסטס זיינען א נאַטירליכע ערשיינונג אין דער קאַפּיטאַ־ליסטישער אָרדנונג: זיי זיינען א לאָגישע פאָלגע פון דער פרייער קאָנקורענץ. פרייע קאָנקורענץ פיהרט צו פעראייניגונג פון קאַפּיטאַל. דיא גאַנצע היסטאָריע פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטהשאַפט איז ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי די היסטאָריע פון קאָנצענטראַציאָן, ווי אזוי די פּראָדוקציאָן *) האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר פעראייניגט. דיא אָמאָליגע צואוואָרפענע ווארשטאַטען פון זעלבסטשטענדיגע בעלי מלאכות האָבען זיך קאָנצענטרירט אין א פּעקטאָרי, דער קליינער קאַ־פּיטאַליסט איז בעזיעגט געוואָרען פון א גרעסערען; דער גרעסערער— פון א נאָך גרעסערען. איינצעלנע קאַפּיטאַליסטען ווערען בעזיעגט פון א פערבאַנד, פון א קאָמפּאַניע קאַפּיטאַליסטען. ביז עס איז גע־קומען די צייט, ווען קאָמפּאַניעס זאָגאר זיינען געצוואונגען צו פער־אייניגען זיך אין נאָך גרעסערע קאָרפּאָריישאָנס, אין טראַסטס.

דער טראַסט אַלזאָ איז נאָר א רינג אין א לאַנגער קייט פון רינגען, איין מאָמענט אין א לאַנגער ענטוויקלונג — אין דער ענטוויקלונג פון קאָנצענטראַציאָן! און ווען דיעזע ענטוויקלונג וואָלט נאָר געקענט אַנ־געהן ווייטער און ווייטער אונגעשטערט, וואָלטען מיר דערלעבט א צייט ווען אויף דער גאַנצער וועלט וואָלט געווען נאָר איין אַלמעכטיגער גאָט אין הימעל און איין אַלמעכטיגער טראַסט אויף דער ערד...

נאָר צו דעם וועט דאָס געוויס ניט קומען.

מיר האָבען בעשפּראָכען דיא דיענסטע, וואָס א טראַסט וואָלט געדאַרפט לייסטען דער געזעלשאַפט. מיר האָבען אָבער געזעהן, אז ער קען ניט לייסטען דיעזע דיענסטע, ווייל זיינע בעלי הבתים פערפאָל־גען גאָר זייערע אייגענע נוצען, ניט דיא נוצען פון דער געזעלשאַפט.

און ניט נור בריינגט ער ניט די נוצען, וועלכע מיר האָבען געקענט פון איהם ערוואַרטען: בעזיצענדיג א אונגעהייער גרויסע עקאָנאָמישע מאַכט, דריקט ער די פערשיעדענסטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג; דיא עקאָנאָמישע מאַכט גיט איהם אויך א מעכטיגען פּאָליטישען איינ־פלוס אויף דיא גאַנצע רעגיערענדע מאַשין פון לאַנד.

אָבער שטאַרק זיינען נאָר אייגענטליך דיא טראַסט־מאַכערס, ניט דער טראַסט גופא: דער טראַסט גופא איז איננערליך שוואַך. ער איז געגליכען צו א ריעזיגען בוים, וועלכער איז אינעווייניג, אין סאַמע האַרצען, צוגריזשעט פון ווערים. און דיא אורזאַכע פון דיעזע שוואַכ־קייט איז ניט קיין צופעליגע. מיר האָבען געזעהן, וואָס דאָס איז פאַר אַן אורזאַכע: דאָס איז דיא זשעדנעקייט פון דיא טראַסט־מאַכערס.

---

*) פּראָדוקטען, אין ברייטען זינען פון וואָרט, עס הייסט אויך דער האַנדעל און דער טראַנספּאָרט פון סחורות.

זייערע דיווידענדס שלינגען אריין דיא פּראָפיטען און לאָזען ניט דעם טראָסט פון סאמע אָנהויב צו שטעלען זיך אויף א ריכטיגען באָדען.

מיט זייערע שטענדיגע ספּעקולייטשאָנס, מיט זייער שטענדיגען „פּארוואסערען" דיא סטאק, מאכען די טראָסט־מאגנאטען דעם טראָסט אלץ שוואכער און זייערע פּאקעטס אלץ פעטער. און קיינער קען זיך ניט שטעלען געגען זיי. צו גרויס איז זייער עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאכט.

דער טראָסט אלזאָ איז שוואך, ווייל זיינע בעלי הבתים זיינען שטארק.

און צוליעב זייער איננערליכער שוואכקייט זיינען דיא טראָסטס א גרויסע געפאהר פאר דער יעצטיגער געזעלשאפט. ווען א קליינע הילצערנע הייזקע זאָל איינפאַלען, קען זי שעדיגען בלויז אייניגע מענשען; ווען אָבער א „הימעל־קראצער" (סקיי־סקרייפּער) זאָל איינפאַלען, קען ער בעגראָבען אונטער זיינע רואינען טויזענדער מענשען. ווען א קליינע ביזנעס זאָל פאלען, קענען פון דעם ליידען נאָר אייניגע מענשען; אָבער ווען א טראָסט זאָל צו גרונד געהן קען ער ארויסרופען א גאנצע מהומה אין דער געזעלשאפט, א מורא'דיגען קריזיס.

דער טראָסט איז דעריבער א געפאהר פאר דער געזעלשאפט. אנשטאט צו ברייגגען זיכערהייט אין דעם יעצטיגען געזעלשאפטליכען לעבען, האָט ער גאָר פארגרעסערט דיא ביז־אהעריגע אונזיכערהייט. מיר געהען אזוי וויא איבער א פייער־שפּייענדען בארג, וועלכער קען יעדען מאָמענט אָנהויבען צו שפּייען מיט פייער און לאווע.

דיא פערשיעדענסטע און ברייטעסטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג ליידען פון דיא טראָסטס און זיינען אויפגעבראכט געגען זיי. דיא רעגיערונג פערפאָלגט זיי און קען זיי ניט בעקעמפען.

דיא רעגיערונג קען זיי ניט בעקעמפען צוליעב פיעלע אורזאכען. אָבער דיא הויפּט־אורזאכע איז, וואָס דער טראָסט איז א נאטירליכע ערשיינונג אין דער היינטיגער געזעלשאפט. טרייבט ארויס דיא נאטור דורכ'ן טיהר, וועט זיא אריינדרינגען דורכ'ן פענסטער. ווען דיא רעגיערונג זאָל אפילו ערנסט וועלען בעקעמפען דיא טראָסטס, ווען זי זאָל אפילו האָבען א זיעג איבער זיי, וועט די בעפעלקערונג פון דעם ניט פּראָפיטירען: אויפ'ן פּלאץ פון איין פערמאכטען טראָסט וועט זיך גרינדען אנאנדער טראָסט, וועלכער וועט זיך שוין בעסער צופּאסען צו דיא אומשטענדען מען זאָל זיך צו איהם ניט קענען טשעפּען.

אויפ'ן טראָסט אלזאָ האָבען מיר ניט וואָס צו האָפען, קיינע נוצען קענען מיר פון איהם ניט ערווארטען, כאָטש ער טראָגט אריין פעראייניגונג אין דער פּראָדוקציאָן: דיעזע פעראייניגונג איז צוזאמענגעפּלאָכטען מיט דער פעראייניגונג פון דיא קאפּיטאליסטען.

דער טראָסט איז שוואך, ווייל זיינע בעלי הבתים זיינען מעכטיג.

דער טראָסט האָט געקענט זיין ניצליך, נאָר זיינע בעל־הבתים מאכען איהם שעדליך.

וויא איז דאָ דער אויסוועג פון'ם ווידערשפרוך? וויא קען מען בעזייטיגען דיא שלעכטע זייטען פון'ם טראָסט און לאָזען נאָר דיא ניצליכע?

דיא מיטלען, וועלכע דיא געזעלשאפט האָט ביז אהער אנגעווענדעט אין קאמפף מיט דיא טראָסטס, זיינען שוואכע, אונווירקזאמע אויבערפלעכליכע מיטלען.

טיעף איז דער טראָסט איינגעוואָרצעלט אין יעצטיגען געזעלשאפטליכען לעבען, און מען קען איהם ניט ארויסרייסען, ניט ארויסרייסענדיג אויך דעם באָדען, אויף וועלכען ער שטעהט. פארמאכען דיא טראָסטס, לאָזענדיג דיא וועלט אויף וויטער אין דיא הענד פון דיא טראָסט־מאכערס, איז אן ארויסגעוואָרפענע ארבייט. אָבשאפענדיג אָבער פריוואט־אייגענטהום, דיא קאפיטאליסטישע אָרדנונג, לאָזען מיר קיין טהעטיגקייט'ס פעלד ניט פאר טראָסט־מאכערס און מיר שאפען ממילא אָפּ דיא מעגליכקייט פון טראָסטס.

עס וועט ניט זיין קיין באָדען פאר טראָסטס. אָבער קאָנצענטראַציאָן פון דער פראָדוקציאָן וועט וואקסען אונגעשטערט: טראָסט־מאכערס וועלען איהר מעהר ניט שטערען.

דאן וועט דיא געזעלשאפט געניסען דיא אלע נוצען, וואָס קאָנצענטראַציאָן קען נאָר ברייגגען, ניט וויסענדיג פון דיא צרות, וואָס דער טראָסט פארשאפט איהר.

דער קלאססען קאמפף.

פון שאול עלשטיין.

דיעזע בראָשורע בעהאנדעלט דיא פראגע פון היסטאָרישען און עקאָנאָמישען שטאנדפונקט, עס ווערט אין דיעזען ביכעל אנגעצייגט וויא אזוי דיא מענשהייט האָט דורכגעמאכט א רייהע פון קלאססען־קעמפפע, און וויא דורך דיעזע קעמפפע האָט דיא מענשהייט ערייכט מעהר פרייהייט און א העכערען ציוויליזירטען לעבען. איהר וועט פון דיעזען ביכעל פארשטעהן וויא אזוי דאָס איז פאָרגעקומען, און וויא אזוי דער יעצטיגער קאמפף צווישען קאפיטאל און ארבייט מוז זיך ענדיגען מיט דער פארווירקליכונג פון סאָציאליזמוס.

סאָציאליסטען וויא ניט סאָציאליסטען דארפען קויפען און לעזען דיא בראָשורע. — — — — — — — — — פרייז 5 סענט.

דיא טראָסטס און זייער בעדייטונג.

דיא טראָסט פראגע—דאָס איז דיא וויכטיגסטע עקאָנאָמישע פראגע אין יעדען לאנד. און דיא ברענענדסטע פראגע אין אמעריקא—דיא לאנד, וואו דיא טראָסטס האָבען עררייכט דיא העכסטע שטופע.

אין א רייהע קאפיטלאך ווערט געגעבען א דייטליכע ערקלעהרונג ווי אזוי דיא טראָסטס (אין זייערע פערשיעדענסטע פאָרמען) זיינען ענטשטאנען. און וויא דיא טראָסטען פארנעהמען אלץ א גרעסערען פלאץ אין דער אינדוסטריעלער וועלט. עס ווערט אייך אין דעם ביכעל ערקלעהרט ווי אזוי די טראָסטס גופה ווערען צוזאמענגעשטעלט און געמענעדזט, און וויפיעל פערשיעדענע מענשען עס זיינען פעראינטערעסירט אין זייער געביי און אין זייער אויפהאלטונג.

דיא בראָשורע איז געשריעבען פון דעם בעקאנטען סאָציאליסטישען שרייבער ה. בורגין. דיא וואָס ווילען „דיא טראָסט פראגע“ פארשטעהן, מוזען דעם ביכעל לעזען.

ענטהאלט 64 זייטען, שעהן געדרוקט. — — — פרייז 10 סענט.

אונזער נעקסטע בראָשורע וועט זיין איבער דיא פראקטישע פאָדערונגען פון דער „טרייד יוניאָן בעוועגונג, און וועט בעהאנדלען דיא פראגע פון

„אָפּען־שאָפּ“

דער ביכעל וועט זיין געשריעבען פון דעם בעריהמטען אדוואָקאט און שריפטשטעלער קלארענס דארראָו.

אגענטען און ברענטשעס בעקומען א גוטען דיסקאונט. שרייבט:

Verlag: DAS FREIE WORT,

4231 Stiles Street, Philadelphia, Pa.

די...... אידישע.... ארבייטער... וועלט.....

רעדאקטירט פון

א. ש. זאקס,

דיא צייטונג ערשיינט וועכענטליך, און ווערט ארויסגעגעבען אין דיא אינטערעסען פון דער סאָציאליסטי־שער און טרייד יוניאָן בעוועגונג. וויכטיגע, ערענטסטע ארטיקלען, און אויך דיא פולע בעריכטען וועגען דער ארבייטער בעוועגונג, געפינט איהר אין דיא אידישע ארבייטער וועלט.

על קאפיע — — — — — — — 2 סענט.
יעהרליך 1 דאלער. האלב־יעהרליך 50 סענט.

אדרעסע:

Jewish Labor World,

284 W. 12th Street, Chicago, Ill.

Oser Brothers, Printers, 22 626 South 3rd Street